WEEKLY BOOKLET

# A TASTE

## of the Rebbe's Farbrengens

## פ' שמיני

Inside you will find a small taste of each of the Rebbe's **38** ש"פ שמיני farbrengens!

**Which will YOU learn?**

**וַיְהִי בדור השביעי קָרָא מֹשֶׁה שבדורנו לבני יִשְׂרָאֵל**

Issue No. 9 | ועש"ק פ' שמיני, כ"ג ניסן ה'תשפ"ו

# About this booklet:

The goal of this booklet is to give you a taste of the Rebbe's Farbrengens throughout the years. And בעזרת השם to get as many people as possible to learn (at least part of) a Shabbos Farbrengen. ברוך השם, the feedback is incredible! Join the many who are already learning the Rebbe's Farbrengens every Shabbos (and all year round)!

**One cannot become full from just a taste!**

# Note about the *kvius*:

The top of each *chelek* shows the exact date of the Farbrengen.

The parts of the date that are **Bold**, are the parts that **match this year's *kvius***.

For example, this

**ש"פ ויקהל-פקודי, פ' החודש,** כ"ז **אדר, מבה"ח ניסן תשי"ג**

shows that Shabbos ויקהל פקודי תשפ"ו matches תשי"ג in everything besides the day of the month (כ"ז).

(Note that other aspects can affect the קביעות such as שנת השמיטה, הקהל, שנת העיבור etc. But these will not be calculated)

נסדר ע"י דובער בן אסתר
A **berel.me** project

# ש"פ שמיני, כ"ח ניסן, מבה"ח אייר תש"י

המשיח כתיב׳ ״ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר״, היינו, שיראו (״וראו״) אלקות בעין בשר הגשמי, וההכנה לזה נעשית ע״י שדבר ה׳ מתגלה לכאו״א באמצעות גוף גשמי הנראה לעיני בשר פנים אל פנים, שכן, המענה של הרבי [שהי׳ ע״פ רוב ב״זשאַרגאָן״, ומזמן לזמן הי׳ מערב גם תיבה באנגלית או ברוסית, וכיו״ב] הוא באופן ש״רוח ה׳ דיבר בי ומלתו על לשוני״[32].

**— ענין זה נוגע במיוחד להמצב עתה: כשם שבעבר הי׳ מונח אצל כאו״א שנכנס ליחידות שהרבי הוא נשמה כללית [לא כלל של פרטים, אלא כלל בעצם, שלמעלה מפרטים], ובהכנסו הי׳ מתבטל לגמרי [שהרי, אם לא נתבטל, אין זו כניסה ליחידות, או שזהו ע״ד הענין ש״גם בשעת החטא היתה באמנה אתו ית׳״[33]], כך צריך להיות מונח גם עתה, ללא קושיות. ולהעיר גם מהמבואר בשיעור תניא היומי בנוגע ליראת המלך, ש״עיקר היראה היא מפנימיותו וחיותו ולא מגופו״, ובנוגע לפנימיותו וחיותו לא נשתנה דבר. —**

אמנם, אף שהרבי הוא למעלה מהגבלות וסדר, ואין שייך קושיות, מ״מ, המאמר ניתן לנו ללמדו ולהבינו בשכל והשגה והבנה דוקא, ובמילא נדרש שיהי׳ באופן של סדר. ועד״ז בנוגע להשאלות בשיעור היומי בתניא ובפרשת השבוע, כנ״ל.

ט. ויש לומר נקודת הביאור בכל זה:

קבלת עול — מחד גיסא היא דרגא הכי תחתונה, למטה מהתבוננות, היינו, שבתחילה נדרשת העבודה באופן של התבוננות, אלא שלפעמים אין בכחה של ההתבוננות לפעול פעולתה, ואז יש צורך שתהי׳ העבודה באופן של קבלת עול.

ולאידך גיסא — קבלת עול היא דרגא הכי נעלית, למעלה מהתבוננות באופן של הבנה והשגה, כי, השגה היא הגבלה, ואילו העצם שהוא בלי גבול אינו נתפס בהשגה וריבוי הפרטים שבה.

— ואדרבה: העצם, מצד פשיטותו מאיר גם בהשגה [illegible] אופנים וריבוי פרטים, אבל, אינו נתפס בזה, ולאחרי שלימות ההשגה

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, פ' פרה, כ"ג אדר ב', מבה"ח ניסן
# תשי"א

נאר דער ענין איז אז די מעלה פון זמן חגינו איז וואס עס איז א חשך כפול ומכופל, און אז מ'ברעכט דעם העלם נעמט מען דורך דעם עצמות – דער רבי האט דערציילט אז אין ליובאוויטש איז געווען איינער וואס וואלט זיך קאכן זייעד אין משלים פון חסידות און ריידן אין זיי מיט א גשמאק, האט אים געזאגט איינער פון די עלטערע חסידים, וואס רעדסטו מיט אזא בעשמאק אין משל, דייד בעסער אין דעם נמשל – מ'מיינט ניט אז חשך כפול ומכופל איז א מעלה, נאר די מעלה איז אז דורך דעם וואס מ'ברעכט דעם העלם נעמט מען עצמות.

און הגם אז דער גילוי דערפון וועט זיין לעתיד דוקא, און היינט איז דאס בהעלם – דאס איז אבער מערניט ווי אז דער גילוי דערפון וועט זיין לעתיד, היינט איז דאס בהעלם און לעתיד וועט דאס זיין בגילוי, נעמען עצמות אבער, נעמט מען היינט דוקא ניט לעתיד נאר דוקא היינט.

און דאס איז אויך די מעלה פון פ' פרה לגבי פ' החודש, הגם אז פ' פרה איז פארבונדן מיט א ענין פון טומאת מתים, און עס איז א הכנה בלבד צו פ' החודש, פונדעסטוועגן איז די מעלה אין פ' פרה דוקא ווײַלע....

**יב. אזוי איז אויך אין גשמיות, אין בני חייא ומזונא רויחא, אז אויב עס איז פאראן דברים המעלימים אויף דעם, דארף מען ניט נתפעל ווערן און מ'דארף וויסן אז די דברים המעלימים גופא...**

**און הגם דער ווייל איז נאך בהעלם, פונדעסטוועגן דארף ער שוין זיין פרייליך, ווי מ'האט פריער גערעט אין דעם ענין פון ובשמחתו (של הלב) לא יתערב זר, אז הגם דער מוח ווייס נאך ניט דערפון, פונדעסטוועגן קען דאס דער לב שוין מרגיש זיין.**

**און די המשכה איז דורך די רביים, ווארום די רביים זיינען דאך לבם של ישראל – אזוי איז דער לשון אז א נשיא איז דער ראש ישראל עס איז אבער פאראן א לשון אין ירושלמי אז א נשיא איז לבם של ישראל – וואס אין לב איז פארבונדן די עצם הנשמה, ד.ה. אז די נשיאים זיינען דער עצם פון אידן, במילא ווערט דורך זיי נמשך...אין בני חייא ומזונא רויחא.**

און ניט נאר אין רוחניות נאר אויך אין גשמיות, וואס בני מיינט מען ניט קיין אהוי"ד, חייא חיות אין אלקות ומזוני תורה (ווי עס רעט זיך אין דעם ענין פון תו"מ אז תורה איז מזון און מצות זיינען לבושים, נאר בני מיינט מען פשוט זרעא חייא וקיימא, חייא, חיים בריאים ושלימים, ומזוני רויחא בפרנסה בהרחבה.

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ד ניסן, מבה"ח אייר
# תשי"ב

וויצען און לערנען, איז ווי אזוי זאל איך אפגעבן מיין צייט צוליב יענעם? אויף דעם זאגט מען אז כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, און מען קאן ניט וויסען ווער עס איז העכער, עס קאן זיין אז יענער איז העכער פון איהם, און דורך דעם וואס ער וועט איצטער אפגעבן זיין צייט און טאן א טובה דעם צווייטען איז לעולם הבא וועט אים יענער אפצאלן, די וועלט איז א עולם הפוך, מיינט ער אז ער איז העכער פון יענעם, און מאכט חשבונות אז ס'איז ניט כדאי אפגעבן זיין צייט צוליב יענעם, עולם הבא אבער איז א עולם ברור, דארטען איז אלץ קלאר,

זאגט מען אים אז כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. די אלע אידן וואס ער דארף מיט זיי גיין האבן צוטאן, האבן זיי אלע א חלק לעוה"ב, אויף אים אליין איז א שאלה, ער דארף זיין א מודה בתחה"מ און האבן די אלע ענינים וואס מען דארף אויף האבן א חלק לעוה"ב, אבער יענער איד איז וואס ער דארף אויף אים יעצט פועל'ן וועגן תפלי'ן, שבת, א.א.וו. יענער איז א תינוק שנשבה און האט געוויס א חלק לעוה"ב און אז ער וועט טאהן א טובה יענעם איצטער, וועט אים יענער אפצאלען לעולם הבא.

די גמרא זאגט דאך אז הוא בג"ע ורבו בגהנם, נעמט מען ארויס רבו מגהנם אין ג"ע, בממילא איז אז ער וועט איצטער מקרב זיין יענעם צו תורה און מצות און ער וועט ווערן רבו, איז לעולם הבא וואס יענער וועט זיין אין ג"ע, וועט ער טענה'ן, איך קאן ניט זיין אן מיין רבי'ן וואס ער האט מיר מקרב געווען צו אידישקייט, איך דארף האבן מיין רבי'ן מיט מיר, און צוליב אים וועט מען ארויס נעמען זיין רבי'ן און אוועקזעצן אים אין ג"ע.

יג. אזוי איז געווען אלע מאל, אז דורך דעם וואס ער טוהט יענעם א טובה בעלמא דין, וועט אים יענער אפצאלן בעולם הבא, ובפרט איצטער דארף ער גאר ניט ווארטען אז ער וועט אים אפצאלען לעוה"ב, לאחר מאה ועשרים שנה, נאר יענער וועט אים אפצאלען דא בעלמא דין.


This year's קביעות!

# ש"פ שמיני, כ"ו ניסן, מבה"ח אייר
# תשי"ג

– עס איז פאראן דעם רבי'נס רשימה וועגן די עסקנות צבורית פון אלטן רבי'ן, שרייבט ער דארטן ארום וועגן דעם דערזשאווין באריכה. ער האט אנגעטאן פארשידענע צרות צו אידן, און דער אלטער רבי, דורך דעם ועד העסקנים וואס עס איז געווען בא אים, איז ער דערגייענגען אלע זיינע עולות, און מ'האט דאס איבערגעגעבן די רעגירונג, און דערמיט האט ער געהאט א מיאוס'ן סוף. אבער ביז די מעשה, האט ער אנגעטאן א סאך צרות, און צווישן זיי, אויך דעם עניין וואס ער האט געטאן צוזאמען מיט די מלשינות –

דערזשאווין האט געשריבן, אז די חסידים גלייבן אין משיח'ן און אז ער וועט קומען בקרוב, און אזוי ווי מ'וועט יעמולט דארפן האבן געלט אויף בויען דעם בית המקדש, קלייבט דער אלטער רבי שוין איצטער געלט אויף דעם – דער אלטער רבי האט געקליבן פאר די מעמדות אין א"י –

זעהט מען פון דער מעשה, אז אפילו א גוי האט דערהערט, אז וואס הייסט א חסיד – ער גלייבט אין משיח'ן, און אז ער וועט קומען בקרוב, ובמילא גרייט ער זיך שוין אויף דעם.

– דאס וואס א גוי האט דאס אויך דערהערט, איז קיין פלא ניט, ועד"ז איז פראן א סיפור פון דעם רבי'ן מהר"ש, אז פארענדיק פון אויסלאנד קיין ליובאוויטש איז ער פארבאיי געפארן א געוויסע דארף. ווען ער איז אריין געפארן אין דארף, איז די גאנצע דארף אים אנקעגען געגייענגען מיט ברייט און זאלץ – חלעב אי סאל – באלד ווי די קארעטע איז אנגעקומען, זיינען אלע גוים אנידער געפאלן אויף די פיס און מ'האט אוועק געשטעלט די ברייט מיט די זאלץ. צוזאמען מיטן רבי מהר"ש איז מיטגעפארן זיינער א פלימעניק ישעי' ברלין, און ער – ישעי' ברלין – איז געווען אין גרויס התפעלות פון דעם פחד וואס איז געפאלן אויף די גוים. קומענדיק אין ליובאוויטש, האט ישעי' ברלין איבערדערציילט מיט גרויס התפעלות דעם רבי'ן מהר"ש ווי די גוים זיינען געפאלן אויף די קני פון גרויס פחד. האט אים דער רבי מהר"ש געזאגט: פעטאך! אויף וועמען [illegible]

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ד ניסן, מבה"ח אייר
# תשט"ו

האט מ"ח אויפגעטאן אז אויך די גילויים שלמעלמ"ט, זאלן אויך קומען דורך עבודה דוקא. נאר דורך עבודה, נעמט מען דאס ניט בדרך ווי עבודה קאן נעמען, נאר עס ווערט נמשך א אור עליון ביותר, אבער עבודה מוז מען האבן.

דער אלטער רבי האט אמאל געוואלט שיינקען צום צ"צ תורה (א חלק פון תורה) במתנה. דער צ"צ האט זיך אפגעזאָגט פון דער מתנה, זאגענדיג אז ער וויל נעמען תורה ביגיעה. לאחר כמה שנים האט אים באנק געטאן אויף דעם, ווארום תורה איז א"ס וארוכה מארץ מדה, איז דאס וואס דער אלטער רבי האט אים געוואלט געבן במתנה האט ער געדארפט נעמען, און הארעוועץ וועט ער אויף, די ווייטערדיקע, ד.ה. אויף די טיפערע ענינים פון תורה.

וכמו"כ בנרו"ד: אז נאך דעם וואס מען הארעוועט, גיט מען מלמעלה די גילויים בדרך מלמעלמ"ט, דאס וואס מען האט ניט געקאנט אויסהארעווען. אבער ווען גיט מען דאס, בשעת אז פריער הארעוועט מען דאס וואס מען קאן.

(וסיים כ"ק אדמו"ר שליט"א) אז וואס ווייטער דארף מען אלץ מער הארעווען ווארום אי׳ באגה"ק אז בכל שנה ושנה, וכמו"כ בכל יום ויום, ווערט נמשך אורות ומוחין חרשים שלא היו מעולם, ובמילא דארף דאך אויך די עבודה, בכדי מען זאל געבן די גילויים, אויך זיין מעד און מערער.

היינטיקן זומער דארף מען זיך נעמען צו עבודה ניט נאר מער ווי ווינטער נאר אויך מער ווי פאריקן זומער, וואס דאס איז דאך אויך מער פון פאריקן ווינטער, דארף מען זיך נעמען אלץ מער און מער, ביז אז הולך ואור עד נכון אור היום, און ביז אז ולילה כיום יאיר, וואס דאס וועט זיין לעתיד וואס יעמולט איז ונגלה כבוד הוי׳ וראו כל בשר יחדיו כי פי הוי׳ דיבר.

ז. (כ"ק ארמו"ר שליט"א ציוה לנגן ואמר את המאמר ד"ה ויהי ביום השמיני, המשך להמאמר ד"ה ונגלה כבוד הוי׳, דאחרון של פסח).

ח. איך בין נאך געבליבן שולדיק א תירוץ אויף דעם וואס דער רמב"ם ברייננגט די ראי׳ פון שמואל׳ן און ניט פון דוד׳ן. פריער האב איך דעם תירוץ ניט געזאגט, ווייל דער תירוץ איז ניט נוגע צום ענין וואס מען האט גערעדט.

עס שטייט אל המנוחה ואל הנחלה, אל המנוחה זה משכן שילה, במילא איז אין דעם זמן פון שמואל׳ן שוין געווען דער סדר פון

בלתי מוגה

This year's קביעות!

# ש"פ שמיני, כ"ו ניסן, מבה"ח אייר
# תשט"ז

ענין פון טומאה וטהרה, [illegible]
וטהרה, און מען קען דאך ניט זאגן אַ דאָס איז בדרך מקרה ח"ו, וואָרום אַלץ איז השגח"פ ובכוונה, מוז מען זאגן אַז די סימנים זיינען פאַרבונדן מיט טומאה וטהרה.

נאָר פונדעסטוועגן קען מען דאָך קלערן די פריערדיקע חקירה, צי דער סימן איז די סיבה אויף טומאה וטהרה, צי אַז די טומאה וטהרה זיינען מצד עצמם און דער סימן איז אַ מסובב פון די טומאה וטהרה, איז דאָס קען מען אָפּלערנען פון די פריערדיקע ראיות, אַז דער סימן איז ניט די סיבה, וואָרום יעמולט איז עס נגד הכלל דכל היוצא כו׳, מוז מען אָפּלערנען אַז דאָס איז אַ מסובב, אָבער עכ"פ האָט עס אַ שייכות די סימנים צום ענין פון טומאה וטהרה.

ו. דער ביאור ענין השייכות פון די סימנים צו טומאת וטהרה:

**יעדער זאַך וואָס אַ מענטש עסט ווערן דאָך פון דעם מאכל דם ובשר כבשרו, ובמילא איז בשעת ער עסט אַ בהמה וואָס זי איז ניט מעלת גרה אָדער ניט מפרסת פרסה, ווערט יעמולט אין דעם אדם אויך אַזוי, אַז ער איז ניט מעלה גרה ומפריס פרסה, ווי דאָס – הענין דמעלה גרה ומפריס פרסה – איז ביחס צום אדם, און דערפאַר האָט די תורה אָנגעזאָגט מען זאָל עסן די בהמות וואָס האָבן די סימני טהרה, ווייל ביי דעם אדם דאַרף זיין דער ענין פון מעלה גרה ומפריס פרסה.**

**מעלת גרה מיינט אַז זי קייט און באַגנוגענט זיך ניט מיט דאָס נאָר זי קייט איבער נאָכאַמאָל, און אַזוי דאַרף זיין אויך בעבודת האדם, אַז ס׳איז ניט מספיק דאָס וואָס ער האָט מברר געווען איינמאָל, אַרויסגענומען פון גאַס און אַריינגעבראַכט אין אַ אידישע הויז, נאָר ער דאַרף עס מברר זיין נאָכאַמאָל, וואָרום מצד טבעו גופו ונפשו הבהמית איז ווייניק אַז דאָס איז אַרויס פון גאַס, נאָר ער דאַרף מאַכן פון דעם קדושה.**

מפריס פרסה מיינט אַז דער אופן ווי ער גייט אין גאַס אויף דער ערד, ד.ה. דעם אופן וואָס מען האָט צוטאָן מיט ענינים ארציים, איז דער רגל אַ דורכגעשפּאָלטענער, ד.ה. אַז עס דאַרף זיין אַלעמאָל ביידע תנועות, ימין מקרבת ושמאל דוחה, וואָרום אויב עס פעלט דער שמאל דוחה, ד.ה. אַז ער איז אַ צו גוטער, וועט ער אַלץ נאָכגעבן, אויך בשעת מען וועט ביי אים פאָדערן ענינים פון היפך התורה, במילא דאַרף מען אַלאַמאָל נוצן ביידע תנועות, ימין מקרבת און שמאל דוחה.

און ווייל ביי דעם מענטשן דאַרף זיין דער ענין פון מעלה גרה ומפריס פרסה (לפי ענינו של האדם), און דער מאכל וואָס אַ מענטש עסט ווערט עס דם ובשר כבשרו, ובמילא ווערט אין אים דער טבע פון דעם מאכל, דערפאַר דאַרף מען עסן נאָר די בהמות וואָס זיינען מעלות גרה ומפריסות פרסה.

ז. עס איז פאַראַן אַזוינע וואָס ביי זיי איז נאָר דער ימין מקרבת, אַן קיין שום אָפּהאַלט, ביז אַז בכדי צו מקרב זיין אידן צו תורה, איז כדאי – טענה׳ן זיי – צו פאַרבייגן ענינים פון תורה און איבערמאַכן ח"ו לפי רוח הזמן, בכדי צו מקרב זיין אַלע אידן צו תורה.

איז דער ענין וואָס מען דאַרף מקרב זיין אַלע אידן צו תורה, איז דאָס אמת, ווי מען האָט שוין גערעדט אַ סאַך מאָל אין דעם משנה המשנה, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה, אַז אפילו די וואָס זיינען מער ניט ווי בריות בעלמא, ד.ה. וואָס זיי האָבן אין זיך ניט קיין מעלה מערבים וואָס [illegible]

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ט ניסן, מבה"ח וער"ח אייר
# תשי"ח

[illegible]
לי׳ מהנתא, איז דאס א מתנה וואס ס׳איז העכער פון דעם וואס ער אליין קען אויסהארעווען, ואעפ"כ איז דאס ניט קיין נהמא דכסופא ווארום די מתנה באקומט ער דאך מצד דעם וואס עביד לי׳ נייח לנפשא, האט ער דאך דאס אויסגעהארעוועט, נאר דורך זיין הארעוואניע גיט מען אים בדרך מתנה, ונותן בעין יפה נותן, דעם בור בית ועלי׳.

דאס הייסט אז בשעת עבודתו איז בשלימות – וואס דאס איז ער דאך מובטח שסוכ"ס יעבוד עבודתו בשלימות ווארום לא ידח ממנו נדח – ווערט מען אים געבן ענינים שלמעלה מערך עבודתו, דקוב"ה שריא באתר שלים.

און דאס איז דער פשט ויהע גו׳ אל מדבר סוד, הסיעם בעל כרחם, זיי האבן גיט געוואלט גיין ווארום ס׳איז דאך א ירידה גדולה אוועקגיין פון די גילויים דקרי"ס אין א מדבר נחש שרף ועקרב צמאון אשר אין בו מים. ואעפ"כ האט מען דאס געטאן, ניט צוליב מאטערן זיי ח"ו, נאר ווייל דאס איז דער אמת׳ער טוב, ווארום דאס האט דאך געטאן דער אויבערשטער דטבע הטוב להטיב, און דורך משה רבינו שאוהב ישראל הי׳, ווייל באמת איז דאס דער תכלית הטוב כנ"ל.

ג. עד"ז האט מען אויך געזעהן די הנהגה בא כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז דוקא נאך א התועדות ווען עס פלעגט זיין גילויים ביותר, איז נאך יו"ט פלעגט דער רבי אריינרופן יונגע לייט און האט זיי געשיקט לעדי השדה. און געטאן האט ער דאס דוקא נאך א התועדות, וואס עס האט ארויסגערופן בא זיי די תשוקה צו בלייבן דא.

איז דאך דאס ניט קיין ענין פון מאטערן ח"ו, נאר ווי גערעדט פריער, אז דוקא נאך די גילויים פון קרי"ס האט מען זיי אפגעריסן פון ביזת הים און גענומען למדבר שור, וואס דא איז דא די מעלה פון עבודה בכח עצמו.

וואס אזוי אויך אין די הנהגה פון רבי׳ן, האט ער דאס געטאן ווייל דאס איז דער תכלית הטוב, כנ"ל.

עס איז דאך משמיא מיהב יהבי, און בנוגע צו מקבל זיין, איז ווי דער רבי האט אמאל געזאגט אין א פארברענגען, באחרון של פסח, דמשמיא מיהב יהבי, איז בשעת מען האט שכל איז מען דאס מקבל, און אויב מען האט ניט קיין שכל ר"ל, איז מען דאס ניט מקבל, בלייבט דער ענין הייגגען אין לופט.

כשם ווי יוצאי מלחמה בגשמיות, איז דער סדר איז, אז מען פרובט אים פריער אויס צי ער איז "באדין" (טויג אויף מלחמה) אדער ניט באדין, אזוי אויך ביוצאי מלחמה ברוחניות. און דורך וואס איז מען באדין צו דער מלחמה, איז ווי דער רבי נ"ע האט געזאגט כל היוצא למלחמת בית דוד גט כריתות כותב לאשתו, צו אלע ענינים הגשמיים. ער דארף ניט טראכטן וועגן קיין זאך. עס דארף זיין האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו ואת אחיו לא הכיר, ער רעכנט זיך ניט מיט קיינעם, ער רעכנט זיך נאר מיט די פקודה פון דעם מפקד הצבא, און דעמולט איז ער גשרין למלחמת בית דוד.

# ש"פ שמיני, פ' החודש, כ"ה אדר ב', מבה"ח ניסן
# תשי"ט

וואס די גרויסע עבודות זיינען די אויבנ"ע ענינים הנ"ל: עבודה ע"מ לקבל פרס איז דער ענין פון משבחר בעולמו, ווארום עס האט א שייכות צום עולם, און פאראן די עבודה שלא ע"מ לקבל פרס – וואס דאס איז העכער פון עולם, די עבודה פון תורה, משבחר ביעקב ובניו.

וואס בסוג הא' שע"מ לקבל פרס איז פאראן כמה דרגות נמוכות ביותר, ביז באר כפשוטו אז זיין גאנצע עבודה איז נאר צוליב פניות, ניט צוליב דעם עצם ענין פון תומ"צ, נאר אין יעדער זאך הערט זיך אן זיינע פניות.

**זאגט מען אויף דעם, אז אפי' דער וואס לע"ע איז כל עבודתו מצד פניות, זאל ער ניט מיינען אז עבודתו איז בארניט, און אז וויבאלד אז דאס איז מצד פניות זאל ער אויף הערן מלימוד התורה וקיום המצוות, נאר מען דארף וויסן אז אויך בעולמו איז דאס משבחר הקב"ה, אויך אין דעם איז דא די בחירה חפשית, און נאך מערער אז בהעלם איז דא אין דעם אויך דער משבחר ביעקב ובניו, וע"ד משנתב"ל אז אין דעם בעולמו איז דא אויך דער ענין החדשים, שהוא דוגמת ההמשכה שאחרי מ"ת.**

ה. נאך א הוראה מהנ"ל: בשעת מען האט צוטאן מיט ענינים פון עולם הזה הגשמי והחומרי, דארף מען זיך ניט אפשרעקן פון דעם, נאר מען דארף וויסן אז מען האט דעם כח אויף צו מאכן פון וועלט א דירה לו ית', ווארום אויך אין דעם איז דא דער בחר הקב"ה. בבחירה חפשית. והוא ובחירתו אחד, וע"י העבודה מאכט מען די וועלט פאר א כלי צום משבחר הקב"ה ביעקב ובניו, אז עס ווערט א דירה לו ית' בתחתונים.

ו. היינט איז דאך כ"ה אדר.

אין גמ' איז דא א מחלוקת צי בתשרי נברא העולם צי בניסן, זאגט דאך תוס' אז ביידע דיעות זיינען אמת, נאר איינע איז במחשבה, און איינע בפועל, פונקט ווי לפי הדיעה שבתשרי נברא העולם, מיינט דאך דאס בריאת האדם, און בריאת העולם איז דאך געווען בכ"ה באלול, אזוי אויך בענין הבריאה שבניסן מיינט דאס בענין בריאת האדם, און בריאה העולם איז געווען בכ"ה באדר.

דער אדם איז דאך דער חותם והכליה של כל הבריאה, איז ע"ד שנת"ל בענין משבחר הקב"ה בעולמו אז אין דעם איז שוין געווען בהעלם דער משבחר ביעקב ובניו, אזוי אויך אין די בריאה שבכ"ה איז שוין געווען בהעלם הער ענין פון בריאת האדם.

וואס דערפאר שטייט בהבריאה שביום ראשון, כ"ה אלול צי אדר, ורוח אלקים מרחפת דא רוחו של משיח, וואס דאס איז שוין געשטאנען בתחילת הבריאה, ווארום בתחילת הבריאה איז שוין געווען ענין בריאת האדם, ותכלית בריאת האדם וואס דאס איז משיח שלמעלה מאדם, וכמ"ש וגבה מאד, מאד אותיות אדם, ס'איז אבער אין אנאנדער צירוף שלמע' מאדם, איז משיח איין נאך העכער אויך פון מאד, וכל זה איז געווען

בלתי מוגה

מאכט נאך שטארקער די קושיא פארוואס דאס הייסט מיטן נאמען שמיני, ניט נאר ס'פארענטפערט די קשיא, נאר אדרבה, מצד דעם ווערט נאך די קשיא שטארקער ?

ועפ"י הנ"ל יובן, ווייל דאס בייט אלץ אין איין המשך. דורך די עבודה אין שבעת ימי המילואים, שבעת ימי הבנין, איז מען ממשיך אויך דעם אור שלמעלה מעולמות, בחי' שמיני, ביז צו בחי' עשר עטרות.

ומצד שלימות וגמר העבודה דשבעת ימי המילואים, איז מען געקומען לבחי' יום השמיני, וואס מצד דעם גילוי וואס ס'איז יעמולט געווען, האט עס גע'פועל'ט אז די קריאה פון משה נשיא ישראל וואס בגלוי איז זי געווען נאר לאהרן ולבניו ולזקני ישראל, האט עס גע'פועל'ט אין כל העדה, אז ויקרבו ביז צו לפני הוי'.

ה. די הוראה פון דעם איז:

**פראן אזוינע וועלכע מיינען אז צו זיי איז ניטא די קריאה בגלוי פון דעם נשיא הדור. פונדעסטוועגן דארפן אויך זיי וויסן, אז אויך בא זיי קען זיין און דארף זיין דער ויקרבו לפני הוי', דורך דעם וואס זיי זיינען פארבונדן מיט זקני ישראל, וואס זיי זיינען פארבונדן מיט בני אהרן, דכהני שלוחי דרחמנא ושלוחי רידן, וואסביידע דיעות זיינען אמת דאלו ואלו דברי אלקים חיים, וואס זיי זיינען פארבונדן מיט אהרן'ען און דורך אים מיט משה'ן, איז מדרגא לדרגא ווערט נמשך קריאתו של משה נשיא ישראל ביז צו כל העדה.**

און דאס פועל'ט ניט נאר אויפן נפש האלקית, ניט נאר אויפן נפש הבהמית וגוף, נאר אויך אויף חלקו בעולם, וואס דאס מיינט כל העדה – אלע ענינים השייכים אליו, און דורך דעם אויך אין כללות העולם.

ו. עפ"י הנ"ל וועט מען אויך פארשטיין א ענין אין ספירת העומר, וואס עפ"י נגלה איז דאס לגמרי ניט מובן.

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ט ניסן, מבה"ח וער"ח אייר
# תשכ"א

צ"ל ועשה לך רב, הרי זה פשוט אז ער דארף דאך געפינען זיין ענין אין וועלט איז א וודאי אז ער דארף האבן א רב. און קנה לך חבר, איז דאך ווייטער פשוט אין התורה נקנית אלא בחברות. און וואס ער זאגט והוי דן את כל אדם לכף זכות, איז ניט פארשטאנדיק. עס איז דאך כלפי שמי' גלי איז ער זכי בדין. און אויב ניט איז ער אזוי וואס דארף אנקומען צו א זכות. איז וואס העלפט, עס איז כלפי שמיה גלי.

נאר דער ענין איז, עשה לך רב, בדרך כפי' מלשון מעשין על הצדקה. עס שטייט אם הרב דומה למלאך השם צבאות אלמד תורה מפיו, ואם לאו לא, צו ער גייט ארום זוכען אזא רב, אדער ער זיצט אין שטוב, און ווארט אז מי זאל קומען זאגן אז מי האט געפינען אזא רב. ווייל פון דעם וועט גארניט זיין, נאר עס דארף זיין מעשין על הצדקה בדרך כפי' אזוי ווי מיט א פרוטה קען ער קויפען חיי נפשו און ער גיט דאס אוועק, אזוי דארף זיין דער ענין פון עשה לך רב.

קנה לך חבר, זאגט מען אויף דערוף, קנה לך א מענטש קויפט א זאך וואס עס איז איז חביב און אויף דערוף איז ער מבזבז און ער קויפט בדמים יקרים וואס דאס ווייזט אויף חביבות. וואס אזוי זיינען מפורש דאס חמשה קנינים קנה הקב"ה וואס דערפאר שטייט דער לשון קנין, כדי ווייזען אויף חביבות פון דער זאך. וואס דאס איז דער לשון פון קנה לך חבר נאך עשה לך רב, ווייל קנה לך ווייזט אויף חברות, איז דאך מי איכא חברות כלפי שמיא, וכתיב והי' מורא רבך כמורא שמים נאר דער לשון עשה בדרך קבלת עול, און דער והוי דן את הכל האדם לכף זכות. וועט מען דאס פארשטיין פון לעו"ז, וואס די זעלבע קשיא פרעגט מען אויף לשון הרע, רק התירוץ הוא, אזוי איזו הוי דן את כל האדם לכף זכות. איז ארויס רופן דעם זכות ביי יענעם.

און ביי אדם איז דאך פאראן צו דריי זאכן, פאראן וואס זיינען העכער פאר אים און פאראן גלייכין מיט אים און פריין וואס זיינען נידעריקער פאר אים. וואס אזוי דארף זיין אין אזוי איז אויך למעלה וואס א ספירה נבחנת בג'

# ש"פ שמיני, פ' החודש, כ"ה אדר ב', מבה"ח ניסן
# תשכ"ב

[illegible] ונמשך עי"ז רופא חולים ומברך השנים בגשמי' מ"מ
אינו ניכר בתפלה הגשמי', אלא, שגם בקרבנות דחלב ובשר בהמה הגשמי' נכלל באש שלמע' ונכלל באלקות (שפועל אפי' בדומם), ולמע' גם מתפלה. וכמ"ש חמיו של כ"ק אדמו"ר נ"ע דפי' תפלה בציבור הוא ציבור העשר כחות, דהוה ברוח', וקרבנות בגשמי', הנה מ"מ זה שצ"ל בביהמ"ק דיש קרבנות אסורים בבמה, הוה ראי' דבביהמ"ק מעולה ביותר. ובזמן ומקום גופא, הנה ביהמ"ק למע' גם ממשכן, דעל משכן כתיב לא באתי עדיין אל המנוחה ואל הנחלה. והמשכן, עיקרו מצומח, ורק שהיו אדנים מדומם, והעיקר ועשו את המשכן עצי שטים עומדים, משא"כ ביהמ"ק עיקרו דומם עד שאומר ולא נראה עץ במקדש. וזהו מעלת ביהמ"ק, שנעשה מדומם. ועד"ז בדומם גופא, הדומם בביהמ"ק מעולה יותר גם מהדומם שאינו במקדש ושבחו"ל. והעיקר שיהי' דירה בתחתונים, וכמ"ש אדה"ז בפי' שאין למטה ממנו וזהו דוקא בדומם בחו"ל.

וזהו החדשות של ושכנתי בתוך כל או"א, דמכל ענין יעשה קדושה. וההתחלה הוא ועשו לי מקדש, בגשמי' ובדומם, ועי"ז ושכנתי בתוכם בתוך כאו"א, התחתון שלמטה ביותר, שלא יהי' רק לש"ש אלא קדושה. וזהו"ע יום השמיני דלמע' מז' ימי ההיקף וממשיך זה למטה מטה. וכח שמיני שלמע' מז' נותן כח בכל דרכיך להעלות לא רק יד הא' שנותן ממונו לצדקה, אלא גם יתר הד' ידות נעשות קדושה ממש, ולא רק לש"ש.

וזהו תכלית ביהמ"ק השלישי שיהי' בית גשמי ונצחי, היינו לא רק דקדה"ק הוה המעלה, אלא גם זה גופא דגשמי', ומ"מ נצחי הוה מעלה. וכ"ז תלוי בעבודתינו במשך זמן הגלות, ועי"ז שנעשה מהכל קדושה עי"ז בקרוב יתגלה ביהמ"ק השלישי דקיים לעד.

ב. זה שתובעים בכל דרכיך דעהו לא רק לש"ש, אלא קדושה, י"ל קס"ד דשייך רק לאחר, וזה י"ל בב' קצוות. דבפשטות י"ל, בד"א בצדיק, דכיון שהוא בבחי' מרכבה – צדיק דתניא – במילא בו י"ל גם הגשמי' קדושה. ואפי' בשם המושאל, הרי רובו זכיות, וע"פ תוס' אזלינן בתר רובא, ג"כ י"ל בגשמי' קדושה. משא"כ מי שחטא ופגם ועבר את הדרך, דאומר בגשמי' דסורו רע וצ"ל כמה סייגים וגדרים וכו'.

וי"ל שיחשוב שדי לו שלא יהי' ברע ויהי' ע"פ תורה בכלל, רק ביום השבת והיום החודש יפתח (שאז יהי' בבחי' קדושה), אבל איך הוא שייך לעשות מגשמי' קדושה. אבל לפועל, כתי' בבע"ת דזדונות נעשו לו כזכיות. ומבואר בדא"ח דלא רק פירושו דלא יענישוהו, אלא דזה גופא (זדונות) יעשה למצוה. וזהו ע"י שיעשה מגשמי' קדושה. וכמו שמצינו בהמשכן שהי' ציווי ה', ציווי משה, והעשי' בפועל, שיש בזה ג' דיעות ואלו ואלו דא"ח.

א) בזהר פקודי – שהכל הי' קודם לחטא העגל. ומביא ראי' דבעגל התפרקו רק נזמי הזהב, והרי הי' הרבה זהב מביזת מצרים, ומכ"ש מביזת הים, והגם דהנשים לא נתנו, אבל להאנשים הי' ג"כ, אלא דכבר נתנו זהבם למשכן חוץ מכלי תשמישיהם.

ב) בזהר ויקהל – הכל הי' אחר חטא העגל ואמר הקב"ה וביום פקדי גו' ולא ידעו אם יהי' שכינה בתוכם, ועד"א ועשו לי מקדש גו'.

ג) דעה הממוצעת בתנחומא הובא ברש"י – דהציווי הי' קודם החטא
[illegible]

# ש"פ שמיני, כ"ו ניסן, מבה"ח אייר
# תשכ"ג

[illegible]
שהוא למעלה מג' קוין, וע"פ פתגם הצ"צ (נתבאר בשיחת אחש"פ - המעתיק) שהגילוי דיום א' דפסח נשלם באחש"פ בהגילוי דמשיח, והיינו אז עס הערט זיך אן המעלה שבו מצד משיח, ולא המעלה פרטית שבו דשרגא בטיהרא מאי אהני, וזהו ג"כ שאין אומרים "חסל סידור פסח", כמבואר בהשיחות, לפי שחגה"פ ווערט נמשך שטענדיק זה קאי על הגילוי דאחש"פ, תוקפו של משיח, שנמשך לכל השנה.

(בהביאור ע"ד שמבואר בהמאמר של אדמו"ר נ"ע פרשת בא (תרנ"ד) שלמעלה מעשרה טפחים הוא אצילות, ולמטה מי"ס הוא מלך.. ביאור דיש דיון של מלך אבל אח"כ צריך לבוא בהשכל והדיון של סנהדרין, אבל יש כמו שהמלך הוא בפ"ע - בלי סנהדרין, ובאופן כזה יהי' משיח, בתחלת השיחה ע"ד משיח, אמר שהוא וועט דורך נעמען את חור הצפעוני אפילו, דהרי לאו עכברא גנב אלא חורא גנב).

ב. מה שכתב הרבי הטעם דאין אומרים חסל סידור פסח הוא שפסח נמשך תמיד, שטענדיק, וכל המועדים נמשכים בכל יום, שדברי צדיקים בכלל ורביים ונשיאים בפרט ומה שגילו להיראה המיוחד ה"ז בודאי מדויק, מה שאומרים שכל המועדים נמשכים בכ"י משא"כ חג הפסח נמשך תמיד, דהרי הענין דאין אומרים חסל, זה קאי על כל הפסח, דאל"כ הי' לו להרבי לומר החילוק בין הסדר דפסח לשארי המועדים או אמירת ההגדה, הרי מזה שאומר ומחלק בין פסח לשארי המועדים צריך לומר שהחסל קאי ג"כ על כל הפסח, ויובן - ע"פ נגלה - דבגאולת מצרים היו שני ענינים, א) שהי' גאולת הגוף והנפש, שזה הי' לא מצד עבודה, שמצד עצמם לא הי' להם שום זכות, וכמו שאומרים בהגדה ואת ערום וערי', ורק מצד חסדו יתברך, ב) שהגאולה הי' אפ"ל בכמה אופנים, ולפועל היתה ע"י מורא גדול וגילוי שכינה, וכמו שכתוב "הנסה אלקים לקחת לו גו' במסות ובאותות ובמופתים, וכמו שאומרים בהגדה "והמורה גדול זה גילוי שכינה", ומבאר הרבי נ"ע שהי' גילוי מל' דא"ס ת"ת ת"ת עצמות א"ס "אני ולא אחר", הרי שהיתה היציאה אפילו מהמצרים וגבולים הכי קדושים והכי נעלים.

וממילא מובן דאין שייך בזה שינוים, שענין השינוים י"ל כשישנו ענין שני, משא"כ כשבשלו כל המצרים וגבולים, וזהו הענין דפסח נמשך תמיד, מצד ביטול המצרים וגבולים הרי אין שום שינוים, ונמשך תמיד, אבל הענין הא' זהו מה שפסח הוא אחד מהג' קוין, קו החסד, ענינו של אברהם, וכמ"ש בבהיר ובפרדס שהי' מדת החסד אומר מימי היות כו'.

והענין דג' קוין ג"כ ישנו בכ"י, שזהו"ע הג' תפלות, שהאבות תקנו אותם, שאברהם, חסד, תקן תפלת שחרית, ויצחק, גבורה, תקן תפלת מנחה, ויעקב, ת"ת, תקן תפלת ערבית, וכמו"כ הטעם השני' שיש בתפלה שהוא מצד תפלות במקום קרבנות תקנום, שאלו ואלו דא"ח, הרי קרבנות מגיעים למקום נעלה ביותר, ועד"ז בתפלה הרי שראשו מגיע השמימה, אבל לאידך הרי ישנו בתפלה ג"כ הענין דמוצב ארצה, שישנו ענין של הגבלה, שלכן ישנו לכל תפלה זמן מיוחד ומוגבל, דשחרית עד חצות כו'.

דאין לומר שתפלת שחרית שייכת לכל היום, עד למחר, דא"כ למה אחר חצות איננו מתפלל, ואפילו תפלת תשלומין שמתפלל זה צ"ל אחרי שהתפלל תפלת חובה, ואם לא עשה כן הרי לא יצא אפילו בדיעבד, נמצא שמוגבלים בג' זמנים, הרי שבכ"י ישנו הענין דג' קוין - הארת כל המועדים - דגם תפלת ערבית האידנא קבועהו חובה, משא"כ יצי"מ צ"ל בכל תפלה, והיינו שיצי"מ זה גבוה מג' קוין.

וכמו שאומר בחינוך שהענין דזכר יצי"מ זה מחזק האמונה בקדמון וחפץ ויכול, שכ"ז קאי על עצמות, וזהו הפירוש שפסח ווערט נמשך שטענדיק לא רק בכ"י וכג' תפלות אלא שטענדיק, (שזהו מצד בחי' המשיח שנמשך בפסח), וצ"ל תוקפו של משיח, שצריך [illegible]

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ט ניסן, מבה"ח וער"ח אייר
# תשכ"ד

יז. ובפרטיות יותר:

מבואר בתניא פמ"א שיהודי צריך להתבונן ש"הנה ה' נצב עליו כו' ומביט עליו ובוחן כליות ולב כו'", ומוסיף בשיעורים דימים אלו[86]: "וכל מעשיו ודבוריו וכל צעדיו יספור".

כלומר: למעלה נוגע לא רק ענינים כלליים, אלא נוגע להקב"ה ו"מתאים" לו ("עס שטייט אים אָן") להביט ולהשגיח על כל איש פרטי מישראל — שהרי "כאו"א חייב לומר בשבילי נברא העולם"[87], ואצלו גופא — מביט ומשגיח הקב"ה על כל ענייניו הפרטיים.

וכיון שכן, הרי לא מספיק שנמצא בתנועה כללית של קבלת־עול, שבאה לידי ביטוי באמירת "מודה אני לפניך", "הודו לה'", או בשעה שכורע במודים, ללא שימת־לב על ענינים פרטיים בנוגע למעשה בפועל במשך כל היום כולו, וכמו בנוגע להלכות ברכות הנהנין, שלא למד ואינו יודע אם צריך לברך על מאכל מסויים "בורא מיני מזונות" או "המוציא", וכיו"ב; אלא צ"ל התייחסות ושימת־לב לכל פרט ופרט בכל פרטי הענינים שבמשך כל היום כולו, מתוך ידיעה שכל פרט ופרט נוגע להקב"ה.

ויש להוסיף בביאור דיוק הלשון בתניא — כידוע שהלשון בתניא אינו ליופי המליצה כו', אלא הוא בתכלית הדיוק[88] — דלכאורה מספיק לומר שהקב"ה "מביט עליו וכו'", ולשם מה מקדים ש"ה' נצב עליו"? — ויש לומר הביאור בזה[89], שזהו ע"ד הלשון "נצב מלך"[90], היינו, שקיום מלכותו ית' כביכול הוא "עליו", שלכן "מניח (הקב"ה) העליונים ותחתונים ומייחד מלכותו על עמו ישראל בכלל ועליו בפרט", שמזה מובן עד כמה נוגע למעלה אופן הנהגתו של כל איש פרטי מישראל, בכל פרט ופרט.

וענין זה מרומז גם בנגלה דתורה — בפס"ד הרמב"ם[91] "עשה מצוה אחת הרי הכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות", וכיון שבעבודתו תלוי כל העולם, הרי זה נוגע גם לקיום מלכותו של הקב"ה כביכול [ויש לומר, ש"עצמו" רומז על עצמותו ית'], שהרי "אין מלך

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, פ' פרה, כ"ג אדר ב', מבה"ח ניסן
# תשכ"ה

[illegible] מקודש יותר מצד שיש בו עשרה עטרות, והרי ותצא אש מן השמים וכו' הי' דוקא ביום השמיני ולא ביום הראשון אלמא שמקודש הוא קודם? והגמ' איננו מביא שום ראי' מכאן?

דהרי גם ביום הראשון הי' ענין של הקרבן, (דאעפ"י שענין חולין בעזרה הי' דוקא אח"כ, אבל מקודם י"ל שהוא ענין של חולין והי' מותר עדיין להביא חולין לעזרה וא"כ נאמר שאין ראי' מכאן מכיון שמקודם הי' ענין של חולין ולכן לא הי' הענין דותצא אש) מ"מ הרי קשה לומר שקודם יום השמיני לא הי' ענין של קרבן, ובפשטות נמצא שהי' קרבן ממש, אלא שהוא ע"ד המבואר בהנוגע לביהמ"ק ראשון ושני שבבית שני לא הי' הענין ראש התמידות אבל מ"מ הרי הי' קרבן גם אז, ועד"ז גם כן בהנוגע לכאן שגם בלתי הענין דותצא אש מ"מ הרי הי' ענין של קרבן, וכבבית שני כנ"ל שאעפ"י שלא הי' כמצות רצונך מ"מ הרי הי' ענין של קודש וכמבואר בגמ' בהנוגע לחילוקים בקרבנות בהקדושה. וא"כ מכיון שגם מקודם הי' ענין של קו-דש ומ"מ לא הי' ותצא אש אלמא שחביב ומקודש מקודש קודם? ולמה אין הגמ' מביא שום ראי'? והנה רש"י בדרך אגב במה שכותב "בו ביום" הוקם המשכן הוא מתרץ את זה.

כי עפי"ז נמצא כי ביום השמיני דוקא הוקם המשכן, ומקודם, לא, והנה בד"א שאפשר להביא ראי' מכאן שמקודש קודם אם נאמר שהחביב ומקודש הם מסוג אחד, ומ"מ הנה המקודש קודם, אבל לפי"ז נמצא שמכיון שמקודם לא הי' בכלל עדיין המשכן א"כ נמצא שקודם הי' בכלל גדר אחר לגמרי, והוא ע"ד הקרבן בבמה, שהו"ע אחר לגמרי ובגדר אחר, מהקרבן שבהמשכן, וכמו"כ הוא כאן שקודם יום שמיני הנה הי' ענין אחר לגמרי כו', ולכן אין להביא ראי' מזה שמקודש קודם, וזה מעיר רש"י בכתבו "בו ביום" (דאעפ"י שכן כתוב שביום א' בניסן הוקם המשכן הנה מ"מ המפרשים שאח"כ מעירים את זה בהדיא)

וכאן הוא ההוראה בעבודה מה שיש (מה שלא מסרו לי את הרשימה מענין זה כדרכם בקודש...) כאן ב' ענינים הנה יום ראשון הנה זהו"ע דאתעדל"ת, שהוא יום ראשון וכמו פתח אליהו שהתחלה פתח את הצינור, ויש יום שמיני שהו"ע דאתעדל"ע, דנטלו עשר עטרות כו' ואעפ"י בדא"ח מבואר בעיקר המעלה הוא אתעדל"ת, וכמבואר דאדם רוצה בקו שלו יותר מתשעה קבים של חבירו ולמעשה ידך תכסוף, וא"כ הרי מכיון שעיקר המעלה הוא אתעדל"ת למה ותצא אש מן השמים דוקא ביום השמיני, ולכן אומרים בזה יש נפק"מ בין קודם שהוקם המשכן ללאחר שהוקם המשכן, מה שלאחר שהוקם המשכן הו"ע אחר לגמרי, וואס דאס איז וואס דער רבי (דער שווער) שיקט איהם למרחקים אויף א שליחות ער זאל מפיץ זיין מעינות און ער טענה'ט אז ער וויל נישט, ווייל בא איהם האט זיך דאס נאך נישט אפגעלייגט און דורכגעטאהן און דער עיקר איז דאך אתעדל"ת, וואס דער יצה"ר קען איהם נישט קומען און טענה'ן מיט אמאל דער היפך ווייל לכתחילה וועט ער נישט פאלגען שפעטער וועט ער זיך שוין איינגעוויינען, קומט ער מיט א טענה וואס איז עפ"י חסידות און ווי דער רבי זאגט אז ער טוט זיך אן אין א זיידענע זופיצע, און טענה'ט איהם וואס עפ"י חסידות דארף ער נישט גיין, ווייל דער עיקר איז דאך אתעדל"ת, און וואס דאס מאנט דאך חסידות אז עס זאל ניט זיין וצדיק באמונתו יחי' נאר עס דארף זיין עבודה בכח עצמו, אליין דורכהארוען אלע ענינים, ואדם רוצה בקו שלו יותר כו' ולמעשה ידיך תכסוף, וואס דערפאר זיצט ער דא און איז בהנה מטוב ארצה"ב, און טרינקט א גלעזיל מילעך, און לייענט דעם פייפער הקודש, און דערווייל ווארט דער צווייטער איז פאר דבר הוי', וואס דאס אלץ נעמט זיך פון אהבת עצמו וואס על כל פשעים תכסה אהבה וואס פשעים מיינט נישט שוגג אדער אשם תלוי נאר מורדים וואס ער ווייסט אז ער איז מורד אין דער רבי (און ער האלט אז ער בארט דער וועלט) קומט ער מיט א סם סאפאטשניק אז ער איז אליין א שוסטער און קען אליין מאכען א פאר תפלין, וואס דארף ער זיך שטופען מיט זיין שוסטריי? און ער טענה'ט אז דאס איז עפ"י חסידות, וואס דארף ער זיך שטופען מיט זיין עבודה?

זאגט מען איהם אז דאס איז אלץ נאך וואס מען האט געבויט דעם משכן, ושכנתי בתוכם, און עס איז געווען השראת השכינה איז יעמולט איז פאראן צוויי עבודות, אתעדל"ת, או אתעדל"ע, און ער קען בוחר זיין באתעדל"ת, אבער בשעת ער האלט נאך פאר דעם משכן און ער געפינט זיך נאך במדבר ארץ נחש שרף ועקרב וצמאון אשר אין בה מים (און באמת באדערט איהם דאס נישט וואס ער איז צמא ער האט (בילכער) אנדערער ענינים מיט וואס זיך צו פארנעמען) איז יעמולט איז נישט שייך די צוויי עבודות אז ער וויל דוקא אתעדל"ת. (איז מ'דארף דוקא אתעדל"ע) און מען זאגט איהם אז כבר הי' לעולמים

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ו ניסן, מבה"ח אייר
# תשכ"ו

אש כו', ווארום דאס איז דער גאנצער הכרח כנ"ל, אז עס קען ניט מיינען כפשוטו, ועד"ז ווערט פארענטפערט פארוואס רט"י דארף פרענגען פון ר' אליעזר ור' ישמעאל, און פארוואס רש"י דארף אנקומען צו ביידע פשטים וכו' וכו'.

די הוראה מהנ"ל איז לכל לראש פון ר' אליעזר וואס ער זאגט אז זייער פשט איז געווען שהורו הלכה בפני רבן, ניט קוקנדיק וואס זיי זיינען געווען נדב ואביהוא, וואס זיי זיינען געווען בתכלית השלימות, וואס תורה זאגט אויף זיי עדות, איז זיי זיינען געווען נאך העכער אפילו פון משה, איז פונדעסטוועגן . אט ביי זיי דאך געדארפט זיין הורו הלכה בפני רבן.

וואס עס זיינען דאזעלכע וואס טענה'ן (אין די מסיבה זיינען מסתמא אזעלכע ניטא) נאכוואס דארף מען האבן א רבי, און כידוע דעם בריוו פונעם רבי"ע וועגן דעם, אז עס זיינען דא די וואס טענה'ן נאכוואס דארף ער האבן א ממוצע צווישן איהם מיטן אויבערשטן ער איז א למדן א תלמיד חכם וכו', ער אליין איז גענוג גרויס ער זאל קענען האבן צוטאן בלויז מיטן אויבערשטן אן א ממוצע, און ער דארף ניט קיין רבי.

אויב ער האט עפעס א שאלה אין א דין, האט ער דאך א גמרא, טאמער איז די גמרא צופיעל באריכות'דיק, האט ער א שו"ע מיט א הלכה ברורה, א באר היטב וכו', איי איז די קשי' יראת שמים? איז דא דער רמב"ם, חובת הלבבות, און עס איז דא נאך א סאך ספרים, און עט פעלט איהם ניט קיין רבי'ן.

נאכוואס דארף ער א רבי? עס איז דא דער אויבערשטער מיט איהם, און דאס איז דער גאנצער וועלט און מעהר ניט, דאס איז דער גאנצער מציאות דער אויבערשטער איז דער יש האמיתי, ער איז דער יש הנברא, ואין באמצע, עס איז ניטא קיין ממוצע צווישן, און זיי טענה'ען אז ביז הקמת המשכן האט מען געדארפט אנקומען צו משה'ן, ווארום אויף שטעלן דעם משכן, דאס קען טאקע נאר משה, וואס פאר משה איז דאך דורך די חטאים נסתלק געווארן די שכינה למעלה, און משה האט דאס אראפגעברייינגט מרקיע הא' לארץ וכמבואר אין דעם מאמר ההילולא בארוכה, ווארום דאס וואס די אנדערע צדיקים האבן געטאן - אז זיי האבן מוריד געווען די שכינה ביז רקיע הא' און דוקא משה האט געקענט מאכן דעם ושכנתי בתוכם, לארץ און דוקא ער האט געקענט מקבל זיין די תורה בסיני, משה קיבל תורה מסיני, איז אין הכי נמי, פאר מ"ת האט מען געדארפט האבן משה, אבער לאחר מתן תורה האט ער שוין די גאנצע תורה אליין, און דארף ניט קיינעם, עס איז דאך אורייתא וקוב"ה און ער איז דאך א ישראל, וישראל ואורייתא וקוב"ה כולא חד, און ניט מער.

און אויף דעם איז דא די הוראה פון נדב ואביהוא, אז כבר היה לעולמים, אז כאטש זיי זיינען געווען גאר בתכלית השלימות, פונדעסטוועגן דורך דעם וואס הורו הלכה בפני רבן,, האט דאס צוגעבראכט צו ענין המיתה.

און ווי ר' אליעזר איז געווען ווי תורה כנתינתה מהר סיני, איז אז אבן שישב עלי' ר' אליעזר האט מען געזאגט אז דאס איז הר סיני, אבער אז מען קומט צו איהם און מען פרעגט איהם א דין, ער זאל זאגן ווי ער האלט, דו ביסט דאך ר' אליעזר און דו קענסט דאך זאגן, זאגט ר' אליעזר אז ער קען ניט, ווארום לא שמע מרבו און ס'איז כאילו חולק על השכינה.

וואס דאס איז שוין לאחר מתן תורה, און פונדעסטוועגן זאגט מען כאילו חולק על השכינה, ווארום לאחר מ"ת דארף זיין דער אנכי עומד בין ה"א וביניכם להגיד, עס מוז זיין דורך א ממוצע, א רבין, אן אויב ניט כאילו חולק על השכינה, ניט נאר וואס דאס פעלט ביי איהם, נאר חולק- ער טיילט זיך אפ פון שכינה, פון אויבערשטן, ווי קען ער האבן תורה אן א רבי'ן און דאס איז אזוי בכל דור ודור ובכל שנה ושנה ובכל יום ויום אז האומר דבר שלא שמע מרבו כאילו כו', ווארום אויב ער האט קיין רבי'ן ניט קען ער ניט האבן שכינה.

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ו ניסן, מבה"ח אייר
# תשכ"ח

וועט מען ריידן עפ"י הסדר, מן המוקדם אל המאוחר, איז פריער קומט דער ענין פון חודש ניסן, וואס איז כנ"ל דער חודש הגאולה, און דאס איז אויך מתאים מיט היינטיקע פרשה וואס מען לייענט ויהי ביום השמיני, וואס דאס איז געווען בר"ח ניסן, ווי רש"י זאגט אז באותו היום נטלו עשר עטרות, און ווי עס שטייט אויך בפשטות אין פ׳ פקודי אז באחד לחודש הראשון הוקם המשכן.

**עס איז פאראן א ווארט וואס מ׳פלעגט זאגן אין פולין, און הלואי זאל עס מקויים ווערן דעם יאר, אז בשעת עס איז שמיני שמונה, ד.ה. אז מען לייענט אכט מאל די פרשה פון ויהי ביום השמיני, ווי עס איז געווען היאר, דעמאלט קומט דער שמיני, דער גואל צדק וועלכער איז פון די שמונה נסיכי אדם, כמבואר בגמרא (סוכה נב,ב) בענין ז׳ רועים וח׳ נסיכי אדם, און עס קומט די גאולה שלימה,**

**וואס אויף דעם שטייט יעלה הפורץ לפניהם, ווארום משיח שטאמט פון פרץ בן יהודא בן ישראל, יבוא ויגאלנו.**

**(הפסיק ואמר:) און מ׳זאל איצטער זינגען דעם ניגון ושמחת בחגיך, ווארום דאס איז מתאים מיט די גאולה העתידה וועלכע וועט זיין באופן של ושמחת עולם על ראשם, און ובשובה ונחת תושעון, נאך אין חודש ניסן, ווארום בניסן עתידין להגאל, איז דאך נאך געבליבן קיינגע דרייסיק שעה אויף די גאולה, זאל דאס אראפקומען בפועל – די גאולה האמיתית והשלימה, ושמחת עולם על ראשם.**

ב. אין דעם ענין הגאולה איז דאך פאראן א מחלוקת אין גמרא (ר"ה יא,א) צי בניסן עתידין להגאל אדער בתשרי עתידין להגאל. די הלכה איז אבער אז בניסן עתידין להגאל, וכהכלל אז בשעת עס איז ניטא קיין בירור אין גמרא, נעמט מען ארויס א בירור פון מדרש, און אין מדרש (שמו"ר פט"ו,יא) ברענגט זיך בפירוש אז בניסן עתידין להגאל.

לכל הדיעות אבער איז זיכער אז די גאולה וועט קומען ע"י התשובה, און ווי דער רמב"ם פסק׳נט אז כשעושים תשובה מיד הם נגאלים.

אעפ"י אז די הלכה איז דאך אז בניסן עתידין להגאל, און חודש ניסן איז דאך ניט פארבונדן מיט די עבודה פון תשובה, דווארום דעמאלט זיינען די אידן געווען בדוגמת גרים, און גר שנתגייר כקטן שנולד דמי, איז דאך ניט שייך קיין תשובה, ווארום תשובה איז שייך דווקא בשעת פריער איז ער געווען מחוייב בתומ"צ וכו׳, און ער האט עס ניט געטאן, אדער ער האט אין דעם ניט געטאן וויפל ער האט געדארפט, איז כדי דאס מתקן צו זיין, איז פאראן ענין התשובה, אבער ביי א גר, וואס כקטן שנולד דמי, איז ניט שייך זאגן ביי אים תשובה. ובלשון החסידות איז דאס, אז חודש ניסן איז גילוי מלמעלה למטה, און תשובה איז דאך מלמטה למעלה, ובמילא ווי זאגט מען אז די גאולה וועט קומען ע"י תשובה?

פונדעסטוועגן אבער מוז מען זאגן אז אעפ"י די גאולה איז פאר-

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ד ניסן, מבה"ח אייר
# תשכ"ט

וזהו ג"כ כמו שמבואר ברמב"ם (הל' יסוה"ת), אז דאס וואס מ'האט געגלויבט אין משה'ן, איז דאס ניט מצד די אותות ומופתים שפעל, נאר דאס איז מצד האמונה ושכל, מה שעינינו ראו ולא זר. וכל המאמין מפני המופתים יש בלבו דופי.

וואס אמאל האב איך געזען א מופת גלוי ביים שווער, האב איך אים געזאגט אז איך וויל עס דערציילן אנדערע. האט דער שווער מיר געזאגט: עס איז דאך פאראן דער ענין פון אותות ומופתים למצרים דוקא וכו',

האב איך אים געזאגט אז לפועל זיינען פאראן לעבעדיקע אידן, און ווי דער מצב פון אידן איז געווען בעת ההיא, איז בשעת מען וועט זיי דערציילן א מופת, וועט דאס זיי אינגאנצן אנווארעמען, און עס וועט פועל'ן א חיזוק אין תורה און עבודה וגמילות חסדים וכו'.

איז דא זוינ בעניין הנ"ל געשען א מופת גלוי פון דעם שווער, וואס אעפ"י עס איז געגאנגען דורך מיר, וועל איך זיך ניט שעמען און דערציילן דעם מופת גלוי, און פון דעם וועט מען אויך ארויסנעמען ווי צו פירן זיך בנוגע לעניין הנ"ל.

וואס בשעת עס איז געקומען בנוגע לבחירות, וואס אין דעם זיינען דאך פאראן צוויי פארטייען, דעמאקרעטס און רעפאבליקענס, האבן זיי צוזאמען גערעדט צווישן זיך, פאר די קאנדידאטן צו איינטיילן דא די שכונות באופן כזה אז עס וועט אויסקומען לא לתועלת לכל המוסדות והבתי כנסיות ובתי מדרשים וכו'.

אז איך האב וועגן דעם געהערט, האב איך געזאגט אז מען זאל זיך משתדל זיין וועגן דעם אויף דאס מבטל צו זיין, עס איז דאך היפוך הצדק והיושר וקאנסטיטוציע וכו'. האט מען מיר געזאגט אז מען וועט דארפן האבן א סך געלט אויף דעם. האב איך געזאגט אז געלט וועט ניט פעלן.

האט מען מיר געזאגט: במה דברים אמורים אז מען וועט קענען עפעס אויפטאן, דוקא בשעת בלויז איין פארטיי איז מסכים צו וואס זיי טוען, און איין פארטיי האט מען אויף אונזער זייט; וויבאלד אבער אז דא האבן זיך צוזאמענגעקומען ביידע פארטייען, במילא וועט מען גארניט קענען אויפטאן.

איז אידן טאקע האבן ניט געהאלטן דערפון אז מען זאל עפעס טאן, זיי אבער האבן זיך יא דערשראקן, אפשר וועט ליובאוויטש עפעס טאן.

פון וועגען זעם מען דאס? – עס זיינען דאך פאראן שופטים און עורכי דין וועלכע האבן א קישור און זיינען גוטע פריינד פון ליובאוויטש, זיינען זיי אוועק צו זיי און געהייסן זיי איבערגעבן דא אז עס איז שוין צו שפעט, ווארום מען קען

בלתי מוגה

This year's קביעות!

# ש"פ שמיני, פ' החודש, כ"ז אדר ב', מבה"ח ניסן
# תש"ל

"ונזכרתם", נאר א קורץ, דעמאלט קען מען צוקומען צו "והעברתם אלקיה אחריתם", וכמארז"ל (שבת קה,ב) "היום אומר לו עשה כך ולמחר אומר לו עשה כך עד שאומר לו עבוד עבודה זרה",

עד"ז בשעת ער איז "הולך על גחון", ער הויבט זיך אן בויגן, עס איז ניטא דער "שאו את ראש בני ישראל מבן עשרים שנה ומעלה", ניט נאר עס איז ניטא דער "ומעלה", נאר עס איז אפילו ניטא דער "עשרים שנה", דעמאלט פאלט מען אראפ ביז "נופל על פניו".

וכאן המקום אויף דערמאנען וועגן ב' ניסן, וואס בשבוע הבאה, בב' ניסן, ווערט פופציק יאר זינט די הסתלקות פון כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע, און אויך פופציק יאר זינט התחלת הנשיאות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, ווארום עס איז גלייך אריבער*ברגע הראשונה צו דעם בן הבכור, עאכו"כ דא וואו ער איז געווען א בן יתיד, ובפרט ענין הנשיאות - ובמילא מובן אז ס'איז גלייך איבערגעגעיינגען די מלכות צו זיין בן יחיד, און ס'איז ניט געווען קיין איין רגע וואס זאל מפסיק זיין צווישן די הסתלקות פון רבי'ן נ"ע מיט התחלת הנשיאות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר - ביז עס איז דא א דין אז א מלך בן מלך דארף גאר ניט האבן קיין משיחה; וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז עס איז ניט שייכות פאנאנדערטיילן צווישן די רגע ההסתלקות און די רגע פון התחלת הנשיאות,

איז בשעת עס קומט דער שנת החמישים, און ווי ר' זלמן דוכמאן ע"ה פלעגט אלע מאל זאגן אז בשעת עס קומט א "יובילייעם" דארף מען זיך דערמאנען אז עס איז א "יובילייעם", און ס'דארף זיין "נזכרים" ע"מ אז דאס זאל שפעטער אראפקומען אין "ונעשים",

איז אזוי ווי עס שטייט אין ספרים אז איידער עס קומט א געוויסע צייט דארף מען מאכן א חשבון אויף אלע ענינים ווי זיי זיינען געווען ביז דעם זמן, אזוי ווי קודם השבת דארף זיין דער חשבון אויף די גאנצע וואך, אין פאר שנת השמיטה זאדף זיין דער חשבון ווי עס איז געווען אין די שש שנים שלפני השמיטה, ועד"ז בשעת עס גייט דורך שבע שבתות שנים וואס דאס ווערט א יובל [וואס אויף יובל שטייט דער לשון "עולם", סיי בנוגע לשמואל בנוגע לימי חייו, און אזוי אויך בנוגע "יצא לחפשי"], וואס דאס איז א קדושה יתירה, וואס דערפאר איז יובל פארבונדן מיט ארץ ישראל און א זמן וואס כל יושבי' עלי'; וואס אין עבודה איז דאס, אז אלע זיינע כוחות שטייען אין אן אופן פון "ארץ אשר עיני ה' אלקיך בה",

דערפאר איז מהנכון, (וואס דאס איז ניט וואס איך זאג דאס, דאס שטייט אין ספרים), אז יעדערער זאל מאכן ביי זיך א חשבון וואס איז דורכגעגאנגען במשך פון די חמישים שנה, און מ'זאל בעדיינקען ווי מ'איז געווען אין די צייטן פונעם רבי'ן נ"ע, וואס אויב מ'וועט זיך נאר ניט נארן, ווייס דאך יעדערער וואס דער רבי נ"ע האט פארלאנגט און ערווארטעט, און אז...

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ט ניסן, מבה"ח וער"ח אייר
# תשל"א

דאס איז געווען די כוונה פון ריידן וועגן דעם [illegible], אז סוכ"ס זאל מען זיך אליין כאפן אויף די פירוש המלות פון א ברכה, און אדוי אויך זען מסביר זיין דאס אפילו צו קליינע קינדער, אז בשעת עס קומט מחנך זיין א קינד, איז ניט נאר דארף מען עם אוימלערנען ווי צו מאכן א ברכה, נאר מ׳זאל עם אויך געבן צו פארשטיין דעם פשוט׳ן אפטייטש פון די ווערטער.

עד"ז זיינען פאראן נאך ענינים וואס מ׳איז ניט משים לב, ובדוגמת דאס וואס רש"י זאגט אין היינטיקע פרשה, קאפיטל י"א פסוק ב׳, וואס אין פירוש רש"י אויף דעם פסוק זיינען פאראן כמה ד"ה׳ס ווי מ׳וועט שפעטער ריידן, און צווישן זיי איז פאראן איין רש"י וואו רש"י זאגט ענינים מופלאים:

אויף "זאת החי׳ אסר תאכלו מכל הבהמה" שטעלט זיך רש"י אין איין ד"ה אויף "זאת החי׳" און זאגט "מלמד שהי׳ משה אוחז בחי׳ ומראה אותה לישראל זאת תאכלו וזאת לא תאכלו".

איך האב זיך צוגעקוקט ווי מלמדים לערנען די רש"י, און ווי מ׳האט מיט מיר געלערנט די רש"י, און קיינער שטעלט זיך ניט אפ אויף דעם – וואס שטייט דא אין רש"י?! אן ענין מבהיל – אז בשעת משה רבינו האט געדארפט לערנען מיט איד׳ן וואס פארא חיות מ׳מעג עסן און די חיות וועלכע מ׳טאר ניט עסן, האט ער געהאט ביי זיך אלע חיות פון דער גאנצער וועלט און ער האט זיי באוויזן אידן, אז אט די חי׳ מעגט איר עסן און אט די טארט איר ניט עסן.

דאס איז דאך אן ענין נפלה: די אידן האבן זיך דעמאלט געפונען אין א מדבר וואס חוץ פון "נחש שרף ועקרב" איז דארט ניט געווען, און מיט אמאל בשעת משה רבינו האט געדארפט לערנען מיט אידן אט די פרשה, האט מען עם צוגעשטעלט – זייענדיק אין מדבר – אלע חיות פון דער גאנצער וועלט; וואורום משה רבינו האט באוויזן אידן ניט נאר די חיות ו עלכע זיי מעגן עסן, נאר אויך די חיות וועלכע מ׳טאר ניט עסן, ווי רש"י זאגט "זאת תאכלו וזאת לא תאכלו", אויך אט די חיות וואס לא תאכלו, הייסט דאך דאס אז מ׳האט עם צוגעשטעלט אלע חיות מכל קצוי תבל, וואס אין דער וועלט זיינען פאראן טויזנטער חיות, האט מען זיי אלע צוגעשטעלט אין מדבר, פון קצה העולם, חיות פון אסטרליא וכו׳ – ער האט געהאט א "סכעסימען" פון יעדער איינער אויף באווייזן אידן; איז דאך דאס הזא נס וואס מ׳געפינט דאס ערגעץ ניט, און קיינער שטעלט זיך ניט אפ אויף דעם.

דערנאך זאגט רש"י נאכמער: וכן בעוף, אז אזוי איז אויך געווען מיט די עופות, אז מ׳האט עם צוגעשטעלט אלע סארטן עופות פון דער גאנצער וועלט, ווי די גמרא זאגט אז אין עופות זיינען פאראן אין שיעור – עס זיינען פאראן די פיר און צוואנציק מינים וואס זיינען בלתי טהור, און דערנאך איז פאראן א ריבוי גדול פון עופות טהורות וואס מ׳מעג עסן, האט מ.ן משה רבינו צוגעשטעלט פון אלע מיני עופות וואס זיינען פאראן אין דער גאנצער

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ד ניסן, מבה"ח אייר
# תשל"ב

געוואָרען גרים - האָט דאָס געדאַרפט דורכגיין א לאַנגע עבודה: ערשט האָט געדאַרפט זיין די גלות מצרים, און דערנאָך די יציאה פון מצרים, און דערנאָך די גאַנצע עבודה פון ספירה, און נאָך ספירה ביי מ"ת איז ערשט יעמאָלט געווען די גירות ווי עס ווערט מבואר אין יבמות, און יעמאָלט גופא האָט עס געדאַרפט זיין דורך מילה, טבילה, און קבלת עול מצות קלות כחמורות, און ערשט לאחר די גאַנצע עבודה זיינען זיי געוואָרען גרים;

וואָס לכאו': פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געדאַרפט מען זאָל אַדורך גיין אַזוי פיל ענינים בכדי צו מגייר זיין די אידן, דער אויבערשטער האָט געקאָנט גלייך אַרויסנעמען די אידן פון מצרים, און גלייך נאָך דעם מגייר זיין זיי, נאָך וואָס האָט געדאַרפט זיין דערצו אַזאַ גרויסע עבודה?

**נאָר דאָ זעט מען אַז בשעת עס האַנדעלט זיך וועגן גירות, בכדי עס זאָל זיין גיור כהלכה דאַרף דאָס אַדורך גיין אַ גרויסער עבודה, און דוקא יעמאָלט הייסט דאָס אַ גיור,**

**במילא: ווי קאָן קומען איינער און טענה'ן אַז מען זאָל נעמען אַ גוי און גלייך מאַכען פון אים אַ איד, מען זעט דאָך אַז אפי' ביי דער אויבערשטער, וואָס דער אויבערשטער ווייסט דאָך וואָס איז אמת און וואָס איז ניט אמת, און ער ווייסט דאָך וואָס איז גוט און וואָס איז ניט גוט, פונדעסטוועגען אַנרירן גיור כלהכה דאָס וועט ער ניט טאָן ח"ו - וואָס לכאו' דער אויבערשטער האָט געהאַט אַ ברירה אויף גלייך מגייר זיין די אידען און ווי מ'זעט דאָך אַז עס איז געווען דער "לקחת גוי מקרב גוי" באותות ומופתים ובנסים וכו', במילא זעט מען אַז דער אויבערשטער האָט זיך געפירט מיט אותות ומופתים, איז פאַרוואָס בנוגע צו גיור האָט געדאַרפט זיין אַזאַ גרויסע עבודה? נאָר דאָ זעט מען אַז בשעת עס האַנדעלט זיך וועגן גיור כהלכה דאַרף דאָס קומען דוקא לאחר וואָס עס איז דאָ אויף דעם אַ גאַנצע עבודה.**

(מכאן ועד סיום הענין נרשם רק נקודות אחדות, וכמה ענינים לא נרשמו בבירור, ועיין ב"תוכן שיחות כ"ק אד"ש בענין "מיהו יהודי" פסח ה'תשל"ב ליתר ביאור).

ל"א. און דאָ קומט צו גיין דער פרומער איד, וואָס ער קאָן זיך נישט אַן עצה געבען מיט זיין יצה"ר, און מען זעט ווי דער יצה"ר איז כסדר מצליח אַז ער האָט אים פאַרשלעפט ביז אין דעם ביהמ"ק.

און ביז אַז ער האָט פאַרדונגען מענטשען אַז אויף יעדער ענין וואָס ער וועט זאָגן וועט מען פאַסשען "בראַוואָ",

און ביז אַז היינט קאָן מען זיי איינרעדן אויף "יום", און דערנאָך אויף מאָרגען וועט מען זיי זאָגן אַז "לילה", איי מען קאָן פרעגן: אַט דאָ האָסטו געזאָגט "יום" איז ווי זאָגסטו "לילה"? ענטפערט ער אַז דאָס איז צוויי באַזונדערע בריוו, במילא וואָס איז די סתירה,

ביז ער קאָן אַרויסגעבן איין בריוו וואָס אויף דעם שטייט "שבט תשל"ב" און דאָרטן שטייט אַז די פסק דין פון די רבנים איז אַ חוות דעת, וואָס דאָס איז נאָך שטאַרקער פון אַ פסק דין, און דערנאָך מיט אַ פּאָר וואָכען נאָכדעם שיקען זיי אַרויס אַ בריוו וואָס שטייט אויף דעם "ניסן תשל"ב", און שטייט אַז איצטער איז דער פסק דין אַז מען דאַרף בלייבן אויף דעם ביינקל, און מען טאָר ניט אַוועק גייך פון דעם

בלתי מוגה

This year's קביעות!

# ש"פ שמיני, פ' החודש, כ"ז אדר ב', מבה"ח ניסן
# תשל"ג

און תוכב"כ פון חסידות חב"ד לערנט ווי אזוי אויך דער שכל הבהמית פון דער נפש הבהמית וואס איז "יורדת למטה" - זאל אויך פארשטיין בכח החב"ד שלו אז ווי ער ציט זיך למטה זאל ער דערהערן דעם "כי קרוב אליך הדבר מאוד וגו'".

און מען זאגט אים אז ער דארף הערן ניט א מציאות טבעי, נאר א מציאות נסי, די עבודה דארף זיין באופן של נס, והגם אז "אין סומכין על הנס", איז דאס נאר וואס מ'איז זיך ניט "סומך" על הנס, אבער מצד עצמו דארף ער זיין באופן (א מציאות) נסי.

און דאס וואס עס זיינען פאראן די גרויסע חכמים'לאך וואס זאגן מיט זייערע סברות'לאך אמתלאות און תירוצים'לאך וכו' אז וויבאלד אז "אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים", וועט ער זיך פארלאזן אויף דעם אויבערשטן, און דערפאר גארניט טאן, און וועט ניט גיין טאן מיט א צווייטן אידן.

נאכמער (טענה'ן זיי):

עס איז ידוע הורת הבעש"ט והמגיד אז אהבת הקב"ה לבני ישראל איז נאכמער ווי די אהבה פון א בן זקונים א בן יחיד וואס ווערט געבארן צו א טאטן לעת זקנותו.

[דאס וואס מען זאגט "בן" כאטש אז "בן ואח אין לו" (קהלת ד, ח) - איז דאס ווי מען רעדט אין די דרגא וכו'... (חסר)].

ווי עס שטייט "בני בכור ישראל" און "בנים אתם לה' אלקיכם" (ווי די פסוקים ברייגנען זיך בסדר זה אין תניא (פ"ב)).

איז וויבאלד ער שטייט אין אזא דרגא - טענה'ט ער - איז צוליב וואס דארף ער טאן, דער אויבערשטער וועט זיכער העלפן, ואדרבה - טענה'ט ער - אויב ער וועט טאן וועט ער נאך מבלבל זיין!

זאגט מען אים אז תורה וואס ווייס שוין די אלע סברות חכמות ואמתלאות, און מען זאגט אים: ואהבת לרעך **כמוך** (אז די הדגשה איז **כמוך**): פונקט ווי בנוגע צו זיך פארלאזסטו זיך ניט און קיינעם נאר דו טוסט אליין, אויף אליין איינציקע קאפקע לייגסטו איין וועלטן וכו' און וואלסט ניט געגאנגען שלאפן און געזוכט דרכים ישרים און אפילו דרכים עקומות כו' בכדי צו אויספירן כו' און האסט ניט קיין צייט צו לערנען און דאווענען און צו טאן מיט א צווייטן.

כשם בנוגע צו זיך פירט ער זיך מיט אזעלכע חשבונות עד"ז דארף ער זיך פירן מיט א צווייטן, און בנוגע צו זיך קען ער טראכטן אז אפשר קומט אים אן עונש אבער לגבי דעם צווייטן טאר מען אזוי ניט זאגן.

דער אויבערשטע וויל יענעם העלפן, איז ער דער שליח פון דעם אויבערשטן אויף דאס צו אויספירן און כשם בנוגע צו זיך פירט ער זיך אן חשבונות והגבלות, עד"ז דארף ער זיך פירן מיט יענעם ובפרט אז אין אדם יודע מה שבלבו של חבירו - און וויבאלד אז תורת אמת זאגט דאס - איז דער אמת אזוי.

און בכדי צו מאכן די עבודה גרינגער - האט מען די הוראה ונקודה פון פרשת החודש, ובהקדים:

# ש"פ שמיני, כ"ח ניסן, מבה"ח אייר
# תשל"ד

[illegible] בעל כרחו (לויט זיין פריערדיקן מצב כנ"ל) און ער לייגט זיך ארײַן אינגאנצן אין די הכנות צו קבלת התורה ולימוד התורה וכו׳ מיט זיין גאנצע חיות.

און דאס איז אויך וואס מ׳זאגט זמן תורה לחוד וזמן תפלה לחוד, און ביידע פון זיי דארפן זיין אין אן אופן פון "בכל מאדך", ד.ה. אז ווען עס איז זמן תפלה דארף ער (דעמאלט) ליגן אינגאנצן אין עבודת התפלה, און אין אן אופן פון "בכל מאדך" – בל"ג, ואעפ"כ, ווען עס ענדיקט זיך זמן תפלה און עס קומט די צייט וואס ער דארף לערנען תורה, מוז ער אוועקגיין – "ויסע" – פון עבודת התפלה און אריינטאן זיך אין לימוד התורה, און ליגן (אויך) אין דעם אינגאנצן, אין אן אופן פון "בכל מאדך" (כנ"ל) – בלי גבול.

און דאס איז איינער פון די הוראות פון אחש"פ, אין דעם ענין פון "ויסע" (בע"כ) – אז פון א אידן מאנט מען א דבר והיפוכו: אין דעם זמן מוז ער ליגן אינגאנצן אין דעם ענין, מיט זיין גאנצע חיות, ביז אז זיין אוועקגיין פון די עבודה איז בעל כרחו (פון זיין מצב הקדום), ווארום ער איז אריינגעטאן לגמרי אין דעם וואס ער טוט), און פונדעסטוועגן, ווען עס קומט די צייט אין וועלכע עס דארף זיין א צווייטער עבודה, גייט ער אוועק פון זיין פריערדיקע עבודה און לייגט זיך אריין אינגאנצן אין די צווייטע עבודה.

ע"ד ווי די סיפור וואס כ"ק מו"ח האט דערציילט, אז איין מאל האט ער צוגעקוקט צו א סוג אנשים וואס האט זיך פאר׳דבק׳ט אין "אחד", האט אים דערנאך יענער געזאגט "פאסטע איינע מינוטע" [וואס יענער איז געווען א דייטש׳ישער איד, האט ער געזאגט "פאסטע איינע מינוטע"] – אז ער האט זיך פאר׳דבק׳ט אין "אחד" א גאנצע מינוט, וואס יענער איז דאך געווען אן איש אמת, האט ער געקוקט אויפן זייגער בתחלת הדביקות ובסוף הדביקות שלו, און דערנאך האט ער (זיך באדימט און) געזאגט "פאסטע איינע מינוטע" – ער האט זיך פאר׳דבק׳ט אין "אחד" א גאנצע מינוט,

וואס דאס איז דאך א ווילדע הנהגה, ס׳איז דא אזוינע וואס ווילן דאס (די הנהגה) אנרופן דרך ארץ (און דאס איז עפ"י תורה) וכו׳, אבער באמת איז דאס היפך פון דרך ארץ (און היפך התורה?), דאס איז א ווילדע הנהגה, און מ׳דארף דאס שולל זיין לגמרי: אבער די נקודה וואס מ׳דארף פון דעם אפלערנען איז, כנ"ל, אז אע"פ אז ער ליגט אינגאנצן אין זיין דביקות ב"אחד", וואס אזוי דארף דאך זיין, פונדעסטוועגן, ווען עס ענדיקט זיך די זמן פון די עבודה און עס קומט די צייט וואס ער דארף טאן א צווייטער עבודה, דארף ער אוועקגיין פון זיין דביקות אין ק"ש און אריינלייגן זיך אין די אנדערע עבודה,

און דאס איז נוגע אין אלע ענינים: עס קען זיין אז א איד זאל ביי זיך טראכטן: זיין עבודה איז בלויז קיום המצות, ער גיט צדקה וכו׳, און ער טוט מיט גרויס חיות וכו׳, און דאס איז עסקו, דאגט מען עס אז כאטש ער ליגט טאקע אינגאנצן אין קיום

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ד ניסן, מבה"ח אייר
# תשל"ה

דערנאך איז דא די קביעות מיוחדת פון דעם יאר. נוסף אויף דערויף וואס בשנה זו איז די קביעות אזוי ווי ס'איז געווען די קביעות בפעם הראשונה, וואס בחמישי בשבת נגאלו ממצרים (שבת פז, ב), קומט דאך אויס די קביעות פון ימי החודש צוזאמען מיט דער קביעות פון ימי השבוע ווי בפעם הראשונה [אע"פ אז דער מניין פון ימי החודש און דער מניין פון ימי השבוע זיינען באזונדערע ענינים, אעפ"כ ווען זיי קומען צוזאמען ווערט אין דערויף א הוספה, מער ווי יעדן יאר, ווי גערעדט אין א פריערדיקער פארברייינגען (שבת הגדול)],

איז אויך דא די קביעות מיוחדת פון דעם יאר אז שבת מברכים איז בכ"ד ניסן, וואס דער ענין פון כ"ד ניסן איז, ווי די גמרא דערציילט (סנה' צא, א) די מעשה וואס איז געווען בכ"ד ניסן – און ווי רש"י זאגט (ד"ה שבאו) אז די נפק"מ איז אז כ"ד ניסן איז א יו"ט – אין די צייטן פון אלכסנדר מוקדון, וואס בני אפריקיא זיינען געקומען און גע'טענה'ט, אז ווייבאלד אז ס'שטייט "ארץ כנען לגבולותי' כו'" (במדבר לד, ב), געהערט דאס צו זיי און ניט צו אידן ח"ו, איז געקומען גביהא בן פסיסא צו חכמי ישראל, און האט זיי געזאגט אז ער וויל זיך אויס'טענה'ן מיט די גויים, איז אויב ער וועט מנצח זיין איז גוט, אפי' אויב ניט איז אויך ניט געפערלאך, ווייבאלד ער איז א הדיוט, וועלן זיי זאגן אז הדיוט שבנו נצחתם, און די גמרא פירט אויס, אז די חכמים האבן מסכים געווען, און מ'האט אים געשיקט, און ער האט טאקע מנצח געווען.

וואס דא זעט מען די הוראה, אז אע"פ אז ער איז געווען א הדיוט, האט ער זיך ניט מסתפק געווען מיט דעם וואס ער איז געקומען צוגיין און נתעורר געווארן, און געווארט מ'זאל עם זאגן וואס צו טאן: היינט זאג אל"ף, מארגן בי"ת וכו', נאר ער האט אליין געהארעוועט און געשוויצט אויף געפינען א עצה וואס צו טאן, און ווען ער האט עפעס מחליט געווען האט ער נים געטאן על דעת עצמו, ווארום "אין דן יחידי אלא אחד" (אבות פ"ד מ"ח), נאר ער איז געגאנגען פרעגן בא חכמי ישראל, און ער האט ניט געטראכט אז דער ענין איז צו אים ניט נוגע (כאן דיבר באריכה בנוגע להשכונה).

...וואס איצטער איז דאך ניט קיין צייט צו רעדן וועגן דברים המצערים, נאר מ'דארף רעדן וועגן פרייליכע זאכן; דלכאורה – למאי נפק"מ דער סיפור וואס די גמ' דערציילט? די גמ' איז דאך ניט קיין היסטאריע בוך ח"ו! נאר די הוראה דערפון איז גאר בפשטות: היינט איז טאקע ניטא אלכסנדר מוקדון, אבער עס זיינען דא אנדערע גויים, און ס'איז דא אזוינע אידן – וואס מהרסיך ומחריביך ממך יצאו – וואס טענה'ן אז א"י געהערט צו כנען און ניט צו אידן, וואס דערפון ווערט אז גויים טענה'ן אויך אז א"י קומט זיי,

איז דאס איז די הוראה, אז אפי' א הדיוט, איז בשעה דער ענין פון א"י איז אים נוגע טראכט ער וואס ער קען טאן אין דעם, און טוט ניט על דעת עצמו נאר ער גייט פרעגן בא חכמי ישראל, און מ'זאגט עם ער זאל דאס טאקע טאן, און ער איז מנצח, און ווי די גמ' פירט דארטן אויס, אז ניט נאר אז די גויים האבן ניט גענומען א"י, נאר נאך מער – זיי זיינען אנטלאפן, און האבן איבערגעלאזט בתים מלאים כל טוב, און שדות זרועים, און אותה שנה שנה שביעית היתה, האבן אידן דעמולט בעהאט כל טוב,

זאל אזוי זיין איצטער אויך, און ס'זאל זיין ווי מ'האט היינט

בלתי מוגה

This year's קביעות!

# ש"פ שמיני, פ' החודש, כ"ה אדר ב', מבה"ח ניסן
# תשל"ו

[illegible]
געווען אן ענין של נותר, אז ס׳האט געגומען אן ענין פון קרבים און דאס
מהפך געווען – אתהפכא אין אן אופן המכי, איז די עצה אויף דערויף אז
ס׳דארף זיין ומורק, אבער דאס איז ניט בחכין, מ׳דארף טאקע אויסוואשן,
אבער ניט בחמין, נאר ס׳איז גענוג בצונן, וואס דאס איז אויך וואס מ׳זאגט
יעדער טאג "אבל לא ע"י יסורים", וואס לכאו׳ ווי קען דאס ווערן ניט
ע"י יסורים? נאר דאס איז ניט קיין קושיא, ווארום כך היא דרכה של תורה.

וואס דאס איז וואס מ׳זאגט (נדרים סו, א) בנות ישראל נאות הן אלא
שהעניות – וואס אין עני אלא בדעת (שם מא, א) – מנוולתן, איז דורך דעם
בירוק נעמט מען אראפ די ענינים בלתי רצויים, וואס דאס איז אויך וואס
רש"י זאגט העבר את הכח, און דורך דעם איז מען מגלה די אמת׳ע מציאות
פון בנ"י אז נאות הן, און אז דאס איז כלה נאה וחסודה.

**נאך א הוראה איז דא פון כללות הענין, וואס דא רעדט זיך וועגן נדב ואביהוא, ווי ס׳איז מבואר אין דעם מאמר (ד"ה אחריכות תרמ"ט) פון רבי׳ן נ"ע (וואס ב׳ ניסן איז זיין יום הילולא) וואס דער מאמר איז פון די ערשטע מאמרים פון רבי׳ן נ"ע, וואס אלע לערנען דאס, און דארט איז דא גישמאקע ביאורים אין חסידות, און קבלה, אז דער ענין פון נדב ואביהוא איז געווען רצוא אן א שוב, און ווי מ׳איז מפליא אין כתבי האריז"ל די הויכע דרגע פון זייערע נשמות, וואס דערפאר איז בא זיי געווען אזא סדר עבודה, אבער דער סדר עבודה איז נאר בא זיי, און ניט בא אלעמען.**

**וואס די דרגא פון נדב ואביהוא איז דאך א הויכע דרגא, ביז אז משה האט געזאגט "הוא אשר דבר ה׳ לאמר בקרובי אקדש", ווי רש"י טייטש דאס אפ אז משה האט געזאגט "שהם גדולים ממני וממך", און דאס וואס משה זאגט, קען מען ניט זאגן אז צוליב פנחס זיין אהרן׳ן וועט ער זאגן אן ענין וואס איז ניט במציאות. נאר דער אמת איז טאקע אזוי.**

וואס דערמיט איז מען מבאר אז די ענינים וואס שטייט אויף זיי אז
הורו הלכה בפני משה רבן (רש"י י, ב), איז דאס ניט קיין ענין של חטא,
ווארום דאס איז דאך אלץ בשעה דאס איז רבן, אבער וויבאלד אז משה אליין
זאגט אז זיי זיינען גרעסער פון אים, איז ניטא דער איסור פון מורה הלכה.

וע"ד ווי די גמרא (מנחות כט, ב) זאגט אז ר"ע האט גע׳דרש׳נט
ענינים אין תורה, און משה רבינו איז דארטן געזעצן, און ניט אין דער
ערשטער שורה, און משה האט געהערט אזוינע ענינים וואס ער האט דאס ניט
געוואוסט, ולא נתיישבה דעתו ביז אז ער האט געהערט אז מ׳זאגט אז דאס איז
הלכה למשה מסיני, וואס דאס איז ניט געווען א חטא פון מורה הלכה בפני
רבו, ווארום ס׳זיינען געווען ענינים וואס עכ"פ בגילוי דא למטה – בנוגע
צו גופו של משה – איז ר"ע געווען העכער, ווי דער ביאור אין דערויף זאל
[illegible]

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ח ניסן, מבה"ח אייר
# תשל"ז

עמד ויצב, און האבן א הון עצום וכו׳, און ער כאפט זיך אז ער האט דאס פארלארן.

כד. ועד"ז בזמן הגלות, איז אויך דא דער ענין בעבודה הרוחנית:

בשעת ער ווערט עלטער מיט א טאג, און מ׳זאגט אים אז ס׳איז דא דער ציווי פון "מעלין בקודש" (ברכות כח, א), וואס דאס איז דאך אויך א נתינת כח - גיט ער זיך א כאפ אז מ׳האט אים געגעבן כחות נעלים וכו׳, און ער נוצט זיי ניט, נאר ער האט דאס פארלארן.

און אויף דערויף זאגט מען אז בשעת ס׳קומט כ"ח ניסן, איז מען מכריז מלמעלה אויף אלע אבידות, וואס א הכרזה איז דאך ניט בקול דממה דקה, אפי׳ ניט ע"ד הרגיל, נאר ס׳איז א כרוז און א פרסום גדול - מ׳דארף נאר האבן אז א איד זאל זאגן אז דאס איז זיינע, און ער האט דאס פארלארן, און דעמולט גיט מען אים דאס אפ!

וואס אפי׳ א דרגא נעלית, איז מצד דערויף וואס א איד האט די "נשמה שנתת בי טהורה היא", האט ער די דרגא נעליה, ס׳איז מערניט וואס דאס איז בהעלם, אין אן אופן של אבידה, און ער דארף דאס מגלה זיין.

וואס לכאו׳ קען דאך א איד טענה׳ן, אז ער האלט שוין נאך די עבודה פון פסח, און נאך אחש"פ, און נאך סעודת משיח, ער האט שוין געגעסן און געטרונקען צוזאמען מיט משיח! איז וואס מאנט מען פון אים ווייטער?!

אויף דערויף זאגט מען אים אז ס׳דארף זיין "מעלין בקודש", און אז ס׳קומט דער שבת נאך אחש"פ, דארף זיין דער "ויכולו" - די עלי׳ פון אלע פריערדיקע ענינים.

איז בשעת מ׳מאנט פון אים אזוינע ענינים, און מ׳גיט אים די כחות אויף דערויף, כאפט ער זיך אז ער האט עפעס פארלארן, אים פעלט עפעס, און ער קומט דאס בעטן אויף צוריק.

וואס דאס איז די הוראה וואס מ׳נעמט פון כ"ח ניסן, וכמדובר כמ"פ אז די הוראה איז ניט נאר אויף דעם טאג, נאר אין דעם טאג שטייט דאס בגילוי ובהדגשה, און דערפון נעמט מען דעם כח על כל השנה כולה -

אז מ׳איז מקבץ אלע ניצוצות וואס האבן א שייכות צו אים (וואס זיינען בבחי׳ אבידה), וואס וויבאלד אז "חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם" (סנהדרין לז, א), איז דאך מובן אז ער דאף צוזאמענקלייבן די ניצוצות אין די גאנצע וועלט;

איז ער מקבץ אלע ניצוצות הקדושה אין אן אופן פון "משם יקבצך ה׳ אלקיך" (נצבים ל, ד), ביז אז ס׳ווערט דער ענין פון "קהל גדול ישובו הנה" (ירמי׳ לא, ח) - דער "קהל גדול" וואס איז דא בכאו"א - די נ-יצוצה הקדושה,

ביז אז ס׳ווערט דער "קהל גדול ישובו הנה" כפשוטו, אין אן אופן פון "ואתם תלוקטו לאחד אחד בנ"י" (ישעי׳ כז, יב), ובקרוב ממש.

* * *

כה. מאמר (בעין שיחה) ד"ה ויהי ביום השמיני גו׳.

* * *

בלתי מוגה

וואס דאס רעדט זיך וועגן א מפקד בו"ד, עאכו"כ ווען ס׳רעדט זיך וועגן דעם ציווי פון מלך מלכי המלכים הקב"ה, וואס איינער פון זיינע ציוויים איז "לא תסור מן הדבר אשר יאמרו לך ימין ושמאל"[97], און ווי ער טייטשט אפ אין מדרז"ל[98] אז דאס איז "אפי׳ אומר לך על ימין שהוא שמאל ועל שמאל שהוא ימין", און דאס ווערט א מ"ע און א מל"ת, כפס"ד הרמב"ם אין "יד החזקה"[99].

איז דאך פארשטאנדיק, אז כל זמן וואס ס׳איז דא דער ציווי פון נשיא הדור ער זאל ממשיך זיין טאן אין רעם ענין - דארף ער דאס טאן אין אן אופן פון קב"ע;

דאס דארף אבער זיין ניט אין אן אופן אז ער האט הנאה דערפון וואס ער איז אפגעריסן פון לימוד התורה ווי דער וואס "תורתו אומנתו", דערפאר וואס ער איז פארנומען מיט צרכי ציבור און באקומט כבוד וכו׳ - נאר בשעת מעשה ווען ער פארנעמט זיך מיט עסקנות ציבורית, דארף ער האבן א תשוקה, און א תשוקה הכי גדולה, "מתי יבוא לידי" און ער וועט קענען לערנען תורה בהתמדה ושקידה.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז גלייך ווי ער דערפילט און באקומט א הוראה ברורה אז ער האט משלים געווען עבודתו - לאזט ער אפ אלע ענינים, און זעצט זיך אוועק לערנען תורה בהתמדה ושקידה.

יג. און ווי ס׳איז געווען די הנהגה פון מרדכי - אז נאך דעם וואס ער איז געווען א "משנה למלך" און האט זיך עוסק געווען אין עסקנות ציבורית - איז ער דערנאך "עלה מבבל", ער האט געהאט א גרעסערע עלי׳ פון דער עלי׳ וואס איז ביי אים געווען דורך עבודהו אין "בבל".

וואס אין "בבל" איז עבודתו געווען אין אן אופן פון "זדונות נעשו לו כזכיות"[100] ביז צו "זכיות" ממש, וואס דעמולט ווערט ער א בע"ה, וואס "במקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורין יכולין לעמוד בו"[101]; תכלית העבודה איז אבער אז ס׳זאל זיין די הנהגה פון "עשה האלקים את האדם ישר"[102] - די עבודה פון צדיקים.

וואס דאס איז אויך איינער פון די אפטייטשן[103] אין דעם ענין פון "מים חיים אל כלי"[104] דוקא:

אע"פ אז ער איז געשטאנען אין א תנועה פון רצוא, וואס דאס איז דער ענין פון שריפת הפרה - איז ניט מספיק אז ס׳זאל זיין די תנועה פון "שוב" בכללות, נאר ס׳דארף זיין "אל כלי", אז דאס זאל אראפקומען אין א דבר גשמי וואס ווערט אנגערופן "כלי", ניט דער ענין פון אור וגילוי, נאר דער ענין פון "כלי", וואס דאס באווייזט אויף אז ענין של

# ש"פ שמיני, כ"ד ניסן, מבה"ח אייר
# תשל"ט

יעד"ז בנוגע צו ליכוד התורה, אז ס'איז דא דער לימוד אין אן אופן פון עורף, ער לערנט אן חשק, אין אן אופן פון "מצות אנשים מלומדה"[219].

וואס דעמולט איז ער ניט שייך צו פסק'נען א הלכה, ובמילא איז אויך ניט שייך צו זאגן אז ער איז "מגלה פנים בתורה שלא כהלכה", ווארום זיין לימוד איז ניט אין אן אופן פון "פנים".

נז. וכידוע דער סיפור פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, אז איינער איז צו אים אריין און האט ביי אים געפרעגט אן עצה, און דערנאך ווען ס'האט זיך גערעדט וועגן ענינים פון תורה ומצוות, און כ"ק מו"ח אדמו"ר האט אים געזאגט ער זאל טאן באופן כך וכך - האט ער געענטפערט: רבי, איר זאלט וויסן זיין אז איך בין אן אפיקורס רח"ל, איז וואס רעדט איר מיט מיר וועגן אזוינע ענינים?!

האט אים כ"ק מו"ח אדמו"ר געענטפערט: דו קענסט זאגן אז דו ביסט אן "אינו יודע", אבער זאגן אז דו ביסט אן "אפיקורס" - אן "אפיקורס" איז דער וואס איז "יודע את רבונו ומכוין למרוד בו"[220], ער דארף פריער וויסן איך וואס ער איז מורד!

דו ווערסט קנאקן "סעמיטשקעס" און זאגן אז דו ביסט אן "אפיקורס"?! - דו ביסט אן "עם הארץ", ניט קיין "אפיקורס"!

[אין רוסלאנד איז געווען אזא "בוש" (אן אילך) וואס פירותיו האבן זיך אנגערופן (אויף רוסיש) "סעמיטשקעס", און אכילתם איז געווען אין אן אופן אז דער אראפנעמען די קליפה איז געגאנגען מיט א קנאק - האט מען דאס אנגערופן "קנאקן סעמיטשקעס",

און די וואס האבן ניט געהאט וואס צו טאן, אדער זיי האבן גערעכנט אז זיי האבן שוין מתקן געווען זיך און די גאנצע וועלט, און זיי קענען זיך זעצן אפרוהען - איז כדי ניט צו גיין ליידיק, האבן זיי געקנאקט "סעמיטשקעס"].

ועד"ז בנדו"ד: כדי צו זיין "מגלה פנים בתורה שלא כהלכה" - איז אויב ער וועט לערנען אין אן אופן פון מהיכי-תיתי, וועט ער ניט גורם זיין קיין היזק פון "מגלה פנים בתורה שלא כהלכה", ווארום אלע ווייסן אז ער קנאקט "סעמיטשקעס"!

אויף צו זיין א "מגלה פנים בתורה שלא כהלכה", דארף ער האבן לערנען און גוט הארעווען, ביז אין אן אופן אז ... אין זיין "פנים" אז ער האט געלערנט ... התעמקות, און האט געשוויצט אויף דערויף - און ניט אז נאך

בלתי מוגה

This year's קביעות!

# ש"פ שמיני, פ' פרה, כ"ב אדר ב'
# תשמ"א

[illegible]
פון אנציגדן די "נרות" פון ששים ריבוא מישראל, וואס דאס איז דאך אן עבודה שלמעלה ממדוה"ג - איז זיי'ער שווער צו זיך מצמצם זיין צו מדליק זיין את הנרות מיט דער מדוה"ג ווי מ'האט אים אנגעזאגט צו אנצינדן די מנורה - ווארום ער צינדט דאך דא אן די "נרות פון ששים ריבוא מישראל!

- דערציילט דער פסוק "שבחו של אהרן", אז אע"פ וואס ער האט געהאלטן ביי אזא עבודה נעלית וואס איז למעלה ממדוה"ג - איז צוזאמען דערמיט איז "לא שינה" - ער האט מדליק געווען די מנורה מיט די מדוה"ג ווי מ'האט אים דאס אנגעזאגט טאן, לא פחות ולא יותר: ער האט מדליק געווען שבעה נרות, ניט ששה און ניט שמונה, ער האט ניט פאראעסן די בוימל און די פתילה איז געבליבן גאנץ וכו'.

וואס דא זעט מען ווי עס קומען צוזאמען די ביידע עבודות פון למעלה ממדוה"ג און פון מדוה"ג - אז צוזאמען מיט דעם שטורעם פון עבודה שלמעלה ממדוה"ג קומט די עבודה במדידה והגבלה.

**נס.** בא נדב ואביהוא אבער איז נאר געווען דער תנועה פון רצוא, "שתויי יין", וואס משנכנס יין יצא סוד, ארויס פון וועלט.

וואס מצ"ע איז דאס אן עבודה הכי נעלית - ער ווערט נתעלה און נתקרב צו אלקות, ניטא קיין וועלט - אין עוד מלבדו.

איי די כוונה איז האבן צוטאן מיט וועלט, און ס'איז דא דער למטה מעשרה טפחים און תחתון שאין תחתון למטה ממנו -

זאגט ער: "דאלאי גלות"! ס'איז ניטא קיין למטה מעשרה טפחים - אין עוד מלבדו!

זאגט מען תחתון שאין תחתון למטה ממנו - זאגט ער: וואס תחתון וואס עליון - אין עוד מלבדו!

און ניט נאר אין עוד מלבדו, נאר אין עוד. כידוע דער חילוק ביניהם: אין עוד מלבדו מיינט טאקע אז ס'איז ניטא קיין אנדער זאך אן דעם אויבערשטן, אבער מיט אים קען עפעס יע זיין, משא"כ אין עוד (מלשון הכתוב "בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד") איז דער פירוש אז אפילו מיט אים איז אויך גארניט דא חוץ פון אים.

וואס מכ"ז מובן אז דאס איז טאקע אן עבודה נעלית ביותר.

**ס.** ביחד עם זה דארף מען אבער וויסן אז ס'איז א מציאות פון וועלט, און דאס איז ניט קיין אחיזת עינים ח"ו,

ווי דער רבי מהר"ש איז דאס מבאר, פריער מיט די ראי' פון דעם דין פון "שניהם לוקטין קשואין כו'", און דערנאך די ראי' הכי נעלית פון דעם ענין פון תורה ומצוות, וואס מצוות איז מען מקיים דוקא מיט דברים גשמיים פון עוה"ז התחתון, בתי תפילין דארפן זיינען געמאכט פון עור פון א בהמה גשמית, ציצית פון צמר גשמי וכיו"ב, און דוקא מיט די דברים גשמיים איז מען מקיים מצוות, כוונות זיינען וויכטיק, אפילו אויב ער איז מכוון אלע כוונות בכל העולמות, אפילו די כוונות אין עולם הזה הרוחני, איז דאס ניט גענוג, נאר ער מוז מקיים זיין די מצוה בגשמיות,

און מ'קען ניט זאגן אז תורה זאגט אז מ'זאל מקיים זיין מצוות מיט א זאך וואס איז ניט קיין אמת'ער מציאות! זיכער איז מען מקיים מצוות מיט א מציאות
[illegible]

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ד ניסן, מבה"ח אייר
# תשמ"ב

פסק'ט איך שוין אוך דאס וואס עס שטייט אין ראשונים ואחרונים "בכלל משנה יחשבו" און מ'טאר ניט זאגן פארקערט ווי ס'שטייט דארטן.

און נאר אויף ענינים וואס זיינען דערנאך נתחדש געווארן וואס וועגן זיי שטייט ניט אין שו"ע, אדער וואס מ'קען ניט ארויסנעמען פון שו"ע – זאגט מען "אין לדיין אלא מה שעיניו רואות".

וואס דערפון קומט אויס אז מ'דארף נעמען פון שו"ע און ניט פון העכער דערפון (ש"ס וגאונים).

כג. איינער האט בא מיר געפרעגט בקשר מיט טרינקען משקה, וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר זאגט בכ"מ אז מ'זאל ניט טרינקען מער ווי פיר כוסות – אז ער האט גענומען פיר כוסות און דאס העלפט ניט, וואס זאל ער טאן?

האב איך אים געזאגט: אין רוסלאנד פלעגט מען מאכן משקה פון לחם אדער פון ווייץ – איז אנשטאט נעמען מערער משקה זאל ער גלייך נעמען פון דעם שרש פון וואנעט די משקה נעמט – ער זאל עסן א כזית ברויט אדער א גאנצן ברויט!

בנוגע צו קידוש והבדלה על היין (אדער על יין שרף, וואו יי"ש איז א חמר מדינה) – קען מען ניט יוצא זיין מיט ברויט מ'קען מאכן קידוש על הלחם[82], אבער דאס איז ניט קידוש על היין. מ'קען ניט יוצא זיין מיטן נעמען פון שרש (פון וואנעט די יי"ש נעמט), נאר מ'דארף האבן דעם ענין בפועל;

משא"כ בנוגע צו טרינקען משקה סתם אזוי – קען מען דאך יוצא זיין מיט נעמען גלייך פון שרש (היי"ש), עסן א כזית אדער א גאנצן ברויט,

ס'זיינען דא זמנים וואס מ'דארף נעמען א ביסל משקה אליין, ווארום דאס העלפט אים ארויס בעבודתו (און לחם אליין העלפט ניט) – אבער אויך דעמולט טרינקט ער ניט די משקה צוליב דעם וואס ער האט א טעם אין דעם און ס'איז געשמאק ח"ו, נאר די משקה איז ביי אים א דבר טפל וואס דארף אים ארויסהעלפן בעבודתו.

וכידוע די שיחה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[83], אז בשעת מ'דארף אראפנעמען א "סירכא" וואס האט זיך אנגעקלעפט אויף דער "ריאה", דארף מען טרינקען משקה בכדי די "סירכא" צו אראפנעמען.

בלתי מוגה

This year's קביעות!

# ש"פ שמיני, כ"ו ניסן, מבה"ח אייר
# תשמ"ג

השמיני״), מבין הוא שענין זה הוא נעלה יותר מכל ימי השבוע, כולל יום השבת, כדלקמן.

**יז.** מאמר המוסגר:

האמור לעיל שיהודי פשוט יודע שכל ימי השבוע תכליתם ומטרתם היא ההכנה ליום השבת (״ימי שטרח בערב שבת יאכל בשבת״) — הי׳ מונח **בפשיטות** אצל כל יהודי בעיירה יהודית מעבר לים, בשנים כתיקונם; יהודי ידע שהפרנסה שנותן לו הקב״ה במשך כל ימי השבוע היא — כדי שיהי׳ לו עבור הוצאות השבת (״ער זאָל האָבן אויף שבת״), כלומר: כל יגיעתו בעניני הפרנסה במשך כל ימי השבוע, תכליתה ומטרתה — ״יאכל בשבת״.

בימים **ההם** לא הי׳ קיים מושג שיהודי יתייגע ויתרוצץ במשך השבוע כולו כדי להוסיף כסף בחשבונו ב״בנק״, כדי לקנות ״מכונית״ מהודרת עם ״בעל עגלה״ צמוד, כדי לקנות בית עם **הרבה** חדרים [כדי שיהי׳ לו ״פיזור הנפש״ לא בחדר אחד אלא **בהרבה** חדרים!], או כדי לקנות **הרבה** בגדים — אף שבלאה״כ אינו יכול ללובשם כולם ביחד!

במסכת שבת (קכ, א) מצינו שיהודי יכול ללבוש י״ח לבושים (בנוגע להוצאה בשבת), שבזה נכללים כל **סוגי** הלבושים (כולל אבנט, גרביים וכו׳); אבל יותר מזה, כלומר, ללבוש ב׳ לבושים **מאותו** סוג — אי אפשר ביום השבת, מכיון שזהו דבר מיותר שאין בו כל תועלת!

הוא עצמו אינו צריך באמת לכל זה, ומה שבכל זאת משתדל כדי להשיג את כל הדברים הנ״ל, ועד כדי כך שמתרוצץ ומתייגע ביגיעת נפש ויגיעת בשר כדי להשיג זאת — הרי זה רק מפני שמקנא בשכנו או בחבירו שדר ברחוב הסמוך, וכיו״ב!

ובלשון חז״ל: ״הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם״, היינו, שענינים אלו (קנאה וכו׳) מוציאים אותו מ״עולם של יהדות״ (״אַ אידישע וועלט״) ומכניסים אותו ב״עולם אמריקאי״ (״אַן אַמעריקאַנער וועלט״) . . . !

ישנם כאלו שקורין זאת בשם ״עשירות״, אבל האמת היא שזהו ענין של ״חולי״, הקשור עם החושך כפול ומכופל דזמן הגלות, רחמנא ליצלן!

אמנם מדובר אודות דברי הרשות כו׳, ומדובר אודות מלכות של חסד וכו׳, אבל בכל זאת — אין זה ״עולמו של יהודי״! — מהי שייכותו של יהודי ל״עולם אמריקאי״, הרי ״אתה בחרתנו מכל העמים״, ״ובנו בחרת מכל עם ולשון״!!

ועאכו״כ כאשר מדובר אודות יהודי שהכניס את רגלו (״אַ איד וואָס האָט אַריינגעטראָטן אַ פוס״) — אפילו לרגע א׳ בלבד — ב״תומכי תמימים״, שאז נקבעת שייכותו ל״תומכי תמימים״ באופן נצחי, מכיון ש״קדושה אינה זזה ממקומה״ — בין אם רוצה בכך ובין אם אינו רוצה בכך, ודבר זה אינו נותן לו מנוח, ״עס לאָזט אים ניט רוען, און עס בורעט אין אים״ — אלא שנדמה לו שזהו סתם ״כאב ראש״, ולכן, הולך אל הרופא, והרופא נותן לו ״אַספּערין״ כדי להרגיע אותו!

— הוא חולה ב״מחלה אמריקנית״, ולכן, צריכים לחפש עבורו ״סגולות אמריקניות״! —

האמת היא ש״כאב ראש״ זה הוא כתוצאה מכך שראשו מונח ושקוע בעניניו הגשמיים, וכפתגם הידוע: ״די קאָפּ ליגט אין קאַלאָשן״ (הראש מונח ב״ערדליים״)! — מהו הפלא שכואב לו הראש כאשר הראש מונח ב״קאַלאָשן״

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, פ' פרה, כ' אדר ב'
# תשד"מ

לאחרי ווי מ'האט דעם לימוד פון חוני המעגל, וואס ער האט ניט געבעטן גלייך אז די השפעה זאל זיין לפי ערך הכלים (און ערשט לאחרי זה האט ער עס געבעטן) – איז איצטער בעט שוין יעדער איד גלייך און טייטשט אויס בתפלתו אז די השפעה זאל זיין לפי ערך זיינע כלים, וביחד עם זה בעט ער עס מיט א תוקף.

כ. דער ביאור אין דעם וואס חוני המעגל האט מלכתחילה ניט געבעטן גשמים לפי"ע כלי המקבלים:

מצד דרגת חוני המעגל וואלט השפעת הגשמים באיזה אופן שיהי' געווען גוט פאר אים. אויב עס וואלט געגאנגען טיפין טיפין, אדער "בזעף", אדער במדה בינונית – וואלט עס פאר אים געווען בשוה. האט ער דעריבער מצדו ניט געבעטן באופן מסויים; אבער לאחרי ווי תלמידיו זיינען געקומען צו אים און געזאגט אז לויט די כלים פון די מענטשן איז טיפין צו ווייניק און "בזעף" צופיל, האט ער געבעטן גשמים לפי ערך זייערע כלים.

ועד"ז איז אויך דער ענטפער בנוגע למעלה:

מצד למעלה קען די השפעה זיין באופן של טיפין אדער באופן של "זעף", ווייל אזוי זעט מען דעם ענין מצד למעלה.

איז די שאלה: למעלה ווייסט מען דאך לכאורה וואס עס טוט זיך למטה בדרגת המקבלים (אז טיפין איז פאר זיי צו ווייניק און בזעף איז צופיל) – זאגט תורה: לאו דוקא!

עס שטייט[117] "ארדה נא ואראה הכצעקתה". ולכאורה, פארוואס דארף זיין "ארדה", למעלה זעט מען און מ'ווייסט דאך וואס עס טוט זיך למטה?

איז די הסברה בזה: למעלה זעט מען דעם מטה באופן אחר ווי מ'זעט אים בשעת מ'קומט אראפ און מ'שטייט בדרגת המטה[118].

און דאס איז קיין סתירה ניט צו אמונת ה'. ווייל למעלה זעט מען די טובה האמיתית פון דעם מטה, במילא וויל מען אים געבן ווי ער איז אין עוה"ז איצטער דעם טוב האמיתי, שכר רוחני (עוה"ב לויט דעם פירוש[119] אז עוה"ב גייט אויף גן עדן) וואס "יפה שעה

# ש"פ שמיני, כ"ט ניסן, מבה"ח וער"ח אייר
# תשמ"ה

מען בפועל אז א קינד וויל און האט א תענוג דארטן גיין, ווארום ער ווייסט אז דארטן וועט מען אים געבן אן ארט צו שפילן זיך, מיט כל מיני שפילעריי, צוזאמען מיט נאך אנדערע, איז דאס פאר אים א תענוג גדול.

**ובמילא איז די השפעה רוחנית פון די מחנה קיץ און די שעה צייט וכיו"ב וואס ער לערנט דארטן תורה וכו', פועל'ט א סך שטארקער און איז מער נקלט באם קינד ווי אין א בית ספר – ווייל אע"פ אז ער לערנט אין דעם מחנה קיץ אויך תורה, פילט אבער דער קינד ווי דאס איז א חלק פון א גאנצע זאך וואס איז דורכגענומען מיט זיין תענוג און שפילעריי, און ווייסט אז גלייך נאכן לערנען קען ער זין ווייטער גיין שפילן, במילא איז אויך די תורה און השפעה רוחנית פון דעם מחנה קיץ פועל'ט אויף אים שטארקער.**

און דאס איז אויך אויסגעהאלטן ע"פ סדר החינוך ע"פ תורה – ווי דער רמב"ם שרייבט235 אז מ'דארף געבן א קינד עניני תענוג לפי ערכו והבנתו: ממתקים, מנעלים, ממון וכיו"ב, בכדי אים אריינציען אין לימוד התורה.

וואס דערפון איז מובן דער גודל ההכרח אז מ'זאל שיקן די קינדער אין א מחנה קיץ וואס איז בתכלית ההידור ביראת שמים וקיום התומ"צ.

דעריבער דארף מען מעורר זיין עלטערן, און אלע די וואס קענען משפיע זיין אויף אנדערע אין דעם, אז מ'זאל זיך משתדל זיין שיקן די קינדער אין דעם פאסיקן מחנה קיץ פאר א אידיש קינד.

וואס דער גודל ההכרח לזה הנ"ל קען מען מסביר זיין צו יעדער טאטע און מאמע, אפילו אויב זיי פארשטייען עס אליין ניט, דארף מען זיי נאר אויפעפענען די אויגן:

עלטערן ווילן און זיינען מעוניין אז זייערע קינדער זאלן האבן אלץ מעגלעך, אפילו מער ווי די עלטערן האבן אליין. ווי מ'זעט בפועל, אז אפילו ווען די עלטערן האבן פאר זיך אליין ווייניק, אדער זיי פארשפארן בנוגע צו זיך אליין, ווען עס קומט אבער צו די קינדער – גיט מען זיי כל אשר ביכלתם און אמאל נאכמער דערפון.

וואס דאס איז אזוי אפילו אין ענינים גשמיים, עאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן ענינים רוחניים – פארשטייט דאך יעדערער אז דאס

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, פ' החודש, כ"ה אדר ב', מבה"ח ניסן תשמ"ו

[illegible] ענין פון שם הוי'[151], ווי רש"י איז מפרש[152], אז שם הוי' איז מדת הרחמים און שם אלקים איז מדת הגבורה). "מה הוא רחום אף אתה הי' רחום". און אזוי אויך בשעת ער לערנט וועגן דער שייכות דערפון צו אוריאל, ח' פעמים א–ל, וואס דאס איז מדת החסד – דארף ער דערפון אפלערנען בנוגע צו זיין מדת החסד, "מה הוא חסיד אף אתה הי' חסיד".

ויש להאריך בזה, ותן לחכם ויחכם עוד.

לג. ע"פ המדובר לעיל אז בשעת מ'לערנט אן ענין אין תורה דארף דאס אים דורכנעמען ומפעפע זיין אזוי אז דער ענין (וואס ער לערנט) זאל ווערן זיין מציאות – איז פארשטאנדיק אז אזוי ווערט אויך בשעת מ'לערנט אן ענין וואס מ'זעט איצטער ניט בפועל, ווי די היינטיקע פרשה – "ויהי ביום השמיני" וואס רעדט וועגן השראת השכינה אין משכן – אז בשעת ער לערנט וועגן דעם ווערט אזוי אויפגעטאן בפועל.

אי איז די שאלה – אז ער זעט ניט קיין משכן און זעט ניט קיין מקדש, ואדרבה – מ'געפינט זיך אין גלות?! זאגט מען אים: דו האסט אלע ענינים בשלימות ברוחניות, און דו האסט אויך בכח דאס צו מגלה זיין בגשמיות, ווייל עס ליגט בא דיר פארשפארט אין א "תיבה" (כמשל אדמו"ר מהר"ש בזה[153]) און מ'האט דיר אפגעגעבן דעם שליסל צו דער תיבה, און דו דארפסט דאס נאר נוצן און אויפעפענען די תיבה, כפס"ד הרמב"ם, אז בשעת א איד טוט בלויז א מצוה אחת קען ער מכריע זיין את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות ומביא לו ולהם תשועה והצלה; און בשעת דו עפנסט אויף די "תיבה" – וועט נתגלה ווערן דער ביהמ"ק השלישי וואס איז "בנוי ומשוכלל"[154] און דארף נתגלה ווערן למטה, און עס וועט נתגלה ווערן דער ענין פון משה ואהרן עמהם[155], ור' יצחק עמהם, און אלע אנדערע ענינים וואס וועלן דעמולט נתגלה ווערן.

ובשמחה ובטוב לבב.

* * *

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, כ"ו ניסן, מבה"ח אייר
# תשמ"ז

מקבל, ובפרט אויב ער האט נאך א מום וחולי בנפש ר"ל! לערנט אים שבת מברכים אייר: מ׳האט אים געמאכט פאר א משפיע און דעם צווייטן פאר א מקבל, ניט ווייל איינער איז העכער פארן צווייטן, נאר בכדי עס זאל זיין השפעת "חסד ואמת". במילא איז דער מקבל "כמוך" פונקט ווי דו אליין. ואדרבה: דער מקבל איז אין דיר משפיע – ער גיט אין דיר אריין די כחות און דעם זכות פון קענען משפיע זיין חסד, און מגלה זיין אין אים ווי מלכתחילה "לא אשים עליך כי אני ה׳ רופאך", און ווי ער איז א מרכבה צו אלקות.

**וואס דאס ברענגט ארויס די געוואלדיקע אחריות וואס ליגט אויף איינעם וואס האט בכח צו משפיע זיין אויף אנדערע אידן (און באמת האט עס יעדער איד בכח, כנ"ל ס"א) – וויבאלד אז די כחות זיינען ניט זיינע אייגענע, נאר כחות וואס מ׳האט אים געגעבן בכדי צו משפיע זיין חסד ואמת. און נאכמער: פון דעם עני המקבל האט מען צוגענומען די ענינים – בכדי אז דער משפיע זאל האבן דעם זכות צו זיי משפיע זיין צו אים!**

און דעריבער דארף די השפעה זיין ניט בלויז אין איין פרט, נאר אין אלע ענינים, אזוי ווי די ברכה והשפעה פון שבת מברכים איז מיט אלע ששה לשונות של ברכה, וועלכע זיינען אין זיך כולל אלע ברכות, און ברכות ניט בלויז אויף איין טאג, נאר אויף די עבודה פון א גאנצער חודש, וואס איז כולל א ריבוי שינויים אין זמן ומקום וכו׳.

און ניט בלויז משפיע זיין, און ניט טראכטן צי דאס ווערט נתקבל און פועל׳ט אויף דעם מקבל – נאר מ׳איז מסיים ברכת החודש "ונאמר אמן", אז דאס פועל׳ט דער נצחון בפועל[76].

און וויבאלד אז תורה מאנט די אלע זאכן פון א אידן – איז דא דער כלל אז "איני מבקש כו׳ אלא לפי כחן", האט מען זיכער די כחות אויף דעם.

און נאכמער: די כחות דאס מקיים זיין ווי תורה מאנט – בשמחה ובטוב לבב, ביז אין אן אופן פון "מפזז ומכרכר" "בכל עוז" (ווי עס שטייט אין היינטיקע הפטרה[77]). ואע"פ אז דאס איז געווען דוקא הנהגת דוד המלך, ועד כדי כך אז אפילו מיכל בת שאול – וואס זי איז דאך געשטאנען אויף א דרגא הכי נעלית (כמובן) מזה

# ש"פ שמיני, כ"ט ניסן, מבה"ח וער"ח אייר
# תשמ"ח

א נפילה בדרגא, און "מדרגי", נים פון א צווייטן דרגא, נאר דוקא בערך צו די דרגא וואו ער דארף האלטן – איז דאס א נפילה (משא"כ בערך צו א צווייטן איז דאס א הויכע מדריגה און ניט קיין ירידה), אעפ"כ דארף זיין דער מחי' מתים, און ער זאל נתעלה ווערן צו די דרגא וואו ער געהערט.

ובפשטות: ער איז געבארן געווארן בא חסידים און האט זיך אויפגעהאדעוועט צווישן תמימים און באקומען הדרכה פון נשיא דורנו וכו', און אמאל האט ער גע'חזר'ט חסידות ברבים, און געדאווענט באריכות וכו', דערנאך איז ער געווארן א גביר, א בעל עסק, און דאס וואס ער האט אמאל געטאן – איז ביי אים איצטער א דבר למפרע. דאס איז אמאל געווען, אבער איצטער איז ער געווארן "זבולון" און גיט ער א סך צדקה און האלט אויס צענדליקע, הונדערטע תלמידי חכמים, במילא, טענה'ט ער – "שמח זבולון בצאתך"[55]!

ועד"ז אזא וואס איז בדרגת יששכר – איז ער אבער א בעל עסק אין יששכר גופא, ווייל ער האט א סך תלמידים, און ער פארנעמט זיך מיט זיי, און ער פארגעסט אויף זיך אליין – "קשוט עצמך"!

און דאס וואס ער טענה'ט, אז ער דארף זיך פארנעמען מיט זיינע תלמידים און ער האט ניט קיין צייט פאר זיך – האט מען דער סיפור אין גמרא (א סיפור תמוה) בנוגע צו אן אמורא, ר' שמואל בר שילת[56], וואס "קאי בגינתא", ער האט זיך געפארקעט מיט זיין גארטען, האט מען ביי אים געפרעגט וואס וועט זיין מיט זיינע תלמידים, האט ער געענטפערט אז "השתא נמי (אויך ווען ער פארנעמט זיך מיט זיין גארטען) דעתאי עלויהו". דערפון איז פארשטאנדיק במכ"ש בנוגע צו זיין עבודה רוחנית, אז דאס וועט זיכער ניט שטערן די השפעה צו זיינע תלמידים, ווייל אויך דעמולט איז "דעתאי עלויהו".

(כ"ק אדמו"ר שליט"א חייך, ואמר): מ'דארף דאך ניט אנווייזן מיטן פינגער וועמען מ'מיינט – מראה באצבעו ואומר זה – ווארום ס'איז א רחמנות אויף א אידן; אבער זאל ער פאר זיך אליין מאכן א חשבון צדק אליבא דאמת: ווען איז געווען דער לעצטער מאל וואס ער האט געהאט התבוננות קודם התפלה?

ער איז ניט מחויב דאס טאן ברבים (ווארום ער שעמט זיך), נאר פאר זיך אליין – זאל ער זיך אוועקזעצן פאר א ש... מראה באצבעו ואומר זה – אויף זיך אליין – און זיך א פרעג טאן:

בלתי מוגה

# ש"פ שמיני, פ' החודש, כ"ה אדר ב', מבה"ח ניסן תשמ"ט

אלע נשמות, כולל די וואס זייער יום הולדת איז ביום זה, אדער אין אנדערע ימים, ותיכף ומיד ממש.

* * *

[בשיחה ד' - לאחרי ההתעוררות ע"ד הענינים שהזמן גרמא - מעות חטים וכו', ובאופן של שליח עושה שליח, נרות להאיר]:

**ב. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח אין צו-זאמענהאנג מיט פארשידענע פעולות בקשר מיט א חנוכת הבית אדער סיומים בתורה וכיו"ב - זאלן ארויפגיין אויבן און מבאר זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, און מזמין זיין די נוכחים כאן (אדער די וועלכע מ'וועט זיי דאס איבערגעבן), ובדברים היוצאים מן הלב, וואס זיי זיינען פועל פעולתם, ובפרט אז ממנו יראו וכן יעשו, נוסף על זה וואס דאס פועל'ט אויף אים אליין זעענדיק די פעולה אויף די שומעים - אז עס זאל צוקומען אין די אלע פעולות, באופן פון מוסיף והולך ואור.**

**ביז מ'וועט זוכה זיין צו דעם גילוי פון דעם "אור החמה יהי' שבעתיים כאור שבעת הימים", ובעבודה - אז אין דער משפיע (חמה) דארף זיין שבעתיים לגבי דער גילוי וואס ער וויל אויפטאן אין דעם מקבל (לבנה), און דער משפיע איז דאך א מקבל ומושפע פון מי שלמעלה ממנו, א.א.וו.**

**און דאס איז נאכמער מוסיף אז עס זאל זיין דער גילוי האור בפועל בגאולה האמיתית והשלימה,**

**אמן כן יהי רצון (כסיום הרגיל בכ"מ).**

און מ'גייט אלע צוזאמען, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ"ק השלישי, ולקדש הקדשים, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

ג. ס'איז רגיל צו מסיים זיין מיט זינגען דעם ניגון "שיבנה בית המקדש במהרה בימינו".

# ש"פ שמיני, כ"ו ניסן, מבה"ח אייר תש"נ

ו. ויש לומר, אַז דער ענין הנ״ל איז אויך מודגש אין דער משנה „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״ וואָס מ׳זאָגט פאַר פרקי אבות — וועלכע מ׳הויבט אָן זאָגן בשבת זה:

**„כל ישראל״, יעדער איד, יהי׳ מי שיהי׳, האָט אַ חלק אין עוה״ב: ניט נאָר וואָס ער וועט זיין אין עוה״ב, נאָר ער האָט אין דעם (אויך איצטער) אַ חלק. ער האָט נאָר אַ חלק, אָבער דאָס איז אַ חלק אין דעם גאַנצן ענין (אפילו ווי דאָס איז אַן ענין של א״ס). ע״ד ווי דאָס איז בנוגע צו די מציאות פון אַ איד בכלל — אַז „חלק הוי׳ עמו״[63], ובלשון הידוע[64] — „חלק אלוקה ממעל ממש״.**

און דער חלק איז פון און אין „עולם הבא״, עולם התחי׳, שלמעלה מגן עדן: אַ איד באַקומט גן עדן דורך זיין עבודה, דורך מעשה המצוות שלו: ג״ע איז אַ שכר אויף דער עבודה אין עוה״ז (און דאָס איז מסייע דעם אידן צו טאָן זיין עבודה אין עוה״ז און זיך שטאַרקן נגד פתויי היצר און די נסיונות אין עוה״ז הגשמי והחומרי, וויסנדיק אַז ער וועט באַקומען שכר פון ג״ע, וואָס „יפה[65] שעה אחת של קורת רוח בעוה״ב (בפי׳ רושו — ג״ע) מכל חיי העוה״ז״). און הגם אַז לא ידח ממנו נדח[66], און ער וועט סו״ס תשובה טאָן און באַקומען אַ חלק אין ג״ע — קומט עס אָבער לאחר זמן, ובינתיים קען זיין אַז אַ צווייטער „נטל חלקו וחלק חברו בג״ע״[67]. ווי מ׳זעט בפועל אַז עס זיינען געווען כמה אידן שהלכו לעולמם ר״ל בלי תשובה: משא״כ אין עוה״ב (עולם התחי׳) — האָבן

# ש"פ שמיני, כ"ט ניסן, מבה"ח וער"ח אייר תנש"א

מיוחד און אַ דרישה מיוחדת), און זיי קו־מען אָן אין ארץ ישראל, אויך אָן הגבלות (ניט ווי ס'איז געווען בזמן לפני זה, כידוע ומפורסם) — וואָס דאָס איז צווישן די גילויים שלמעלה ממדידה והגבלה וואָס קומען פאַר נאָך בסוף זמן הגלות.

**טו.** ובפשטות:

יעדער איד, **אנשים נשים און אפילו טף, האָט די אחריות צו מוסיף זיין אין זיין עבודה צו ברענגען משיח צדקנו בפועל ממש!**

**דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז עס האָט קיין אָרט ניט אַז אַנשטאָט אַליין טאָן זאָל מען זיך פאַרלאָזן אויף אַנדערע אָדער אַרויפלייגן די אַרבעט אויף אַנדערע — נאָר דאָס איז די עבודה פון** כל אחד ואחת, **יעדערער דאַרף אַליין טאָן זיין עבודה „לשמש את קוני" (צוליב וועלכע „אני נבראתי"), און ס'איז זיכער אַז ער האָט אויף דעם כחות (וואָרום „איני מבקש כו' אלא לפי כחן" כנ"ל).**

און אין וואָס באַשטייט די עבודה — איז דאָס אויך בפשטות: אין מוסיף זיין ב־תורה ובמצוות, אין לימוד התורה — נגלה דתורה און פנימיות התורה, און אין קיום המצוות בהידור,

כולל ובמיוחד בענין שהזמן גרמא — קיום המנהג (ווי דער אַלטער רבי שרייבט בסידורו) צו זאָגן (און לערנען) פרקי אבות (נאָך תפלת מנחה) בשבתות בין פסח לעצרת, ובכל שבתות הקיץ),

To view the 'Taste' each week, visit:

berel.me/taste